**ד.** ס'איז געווען אין תרפ"ז, אויך פאַר פורים, וואָס דעמאָלט איז דער רבי דער שווער, נשיא דורינו, איז געפאָרן אין מאָסקווע,

וואָס אין מאָסקווע איז דעמאָלט געווען – און נאָך אויך איצטער – דער שטאַרקסטער אָרט בהנוגע צו דער ממשלה וואָס אין יענער מדינה, און דערפאַר אויך – דער שטאַרקסטער און דער שטרענגסטער אָרט וואָס ס'איז דעמאָלט געווען בהנוגע ניט צולאָזן קיין אידישקייט, ובפרט – ניט צולאָזן קיין אידישקייט אין צוזאַמענהאַנג מיט **קינדער**.

און אַזוי ווי מ'האָט געוואוסט, אַז ער וועט קומען אין מאָסקווע – (האָט) [איז] דאָס גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אידן, און דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז ס'איז דערגאַנגען אויך אין די "הויכע פענסטער".

[איצטער קען מען שוין דערציילן דערפון – וויבאַלד אַז ס'איז שוין דורכגעגאַנגען אַזויפיל יאָר, און דער עיקר – אַז דער רבי דער נשיא האָט דאָס אַליין מפרסם געווען און אָפּגעדרוקט ברבים. אָט דאָס וואָס מ'חזר'ט דאָס דאָ איבער איצטער – דערפאַר וואָס דאָס איז נוגע און דאָס קומט אין המשך צו דערויף וואָס ס'האָט זיך געערדט פאַר דעם].

און ער האָט אָנגעזאָגט, אַז אַזוי ווי ער וועט דאָרטן זיין פורים קטן – וועט ער זאָגן אַ מאמר חסידות אין דער שול, אָט דאָרט וואָס ס'איז איצטער די איינציק-געבליבענע שול אין מאָסקווע.

איז גלייך אָנגעקומען אַ שליח פון די "הויכע פענסטער", אויך פון צווישן די אידן וואָס ער איז אויך געווען אַ גוטער פריינט, און האָט אים אָנגעזאָגט: ער זאָל וויסן זיין, אַז כאָטש אפילו ער פאַרשטייט דאָס אַליין – אָבער ס'איז דאָ אַ ידיעה ברורה, אַ קלאָרע ידיעה, אַז ס'וועלן זיין מרגלים – שפּיאָנען – וואָס וועלן זיין בשעת ער וועט זאָגן דעם מאמר, און מ'וועט דאָס גלייך איבערגעבן וואוהין מ'דאַרף איבערגעבן וועגן דעם אינהאַלט פון דעם מאמר, במילא, זאָל ער זיך אויסרעכענען און וויסן וואָס פאַראַ תוצאות – וואָס פאַראַ פאָלגן – ס'קען זיין אויב ער וועט רעדן אין אַ געוואונטשענעם אופן, אָדער אויב ער וועט רעדן אין אַ **ניט** קיין געוואונטשענעם אופן.

בשעת דער רבי דער נשיא איז געקומען אין שול, און געווען אַ געפּאַקטע שול מיט אַלע פּרטים, און האָט געזאָגט אַ מאמר חסידות, וואָס דער מאמר איז געווען געבויט אויפן פסוק "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז . . להשבית אויב ומתנקם", אַז פון די תורה וואָס ס'וועט אַרויסקומען פון קינדער, איז דאָס וועט מבטל זיין "אויב ומתנקם" – אָט די אַלע וואָס זיי ווילן זיך נוקם זיין אָן אידישקייט, און די אַלע וואָס זיינען אַן "אויב", וואָס זיינען אַ שונא צו אידישקייט, און במילא אויך צו אידן.

און לויט אָט דעם פסוק, איז נאָך דערויף ווי ער האָט געבראַכט כמה ענינים ווי אין השכלה פון חסידות – איז אויך געווען אויסגעטייטשט, אַז מ'זאָל ניט קענען לערנען אין צוויי אופנים, מ'זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו אַ צווייטן וואָס זאָל דאָס פאַרטייטשן, האָט ער גערעדט קלאָרע ווערטער, אַז מ'דאַרף זיך מיט קיין זאַך ניט רעכענען, און מ'דאַרף זען, אַז "עוללים ויונקים", אַז פּיצלעך קינדער, זאָל באַ זיי גיין "מפּי", פון זייער מויל, זאָל זיין אַזוינע ענינים, אַזוינע ווערטער, אַזוינע לערנונגען, און דעמאָלט איז דאָס זיכער, אַז דאָס וועט משבית זיין, מבטל זיין, "אויב ומתנקם".

און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז גלייך נאָך דעם מאמר איז געוואָרן אַ התעוררות חזקה, נאָך מערער (ווי ס'וואָלט?? וויפל ס'איז??) געווען ביז דעמאָלט, אויף טאָן אַלץ וואָס מ'קען טאָן – און וואָס מ'קען ניט טאָן – אַז יעדער אידיש קינד צו וועלכן מ'קען דערגרייכן זאָל באַקומען אַן ערציאונג אין תורה און אין אידישקייט, אָנהויבנדיק פון "עוללים ויונקים", פון גאָר פּיצלעך קינדער, ביז צו "עוללים ויונקים" – אָט די וואָס זיינען שוין עלטער אין יאָרן, זיי זיינען נאָך אָבער "פּיצלעך קינדער" אין אידישקייט,

און טאָן אין דעם – ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינע גזירות, מיט קיינע שוועריקייטן, מיט מענטשן אָדער מיט ענינים וואָס זיי קענען אין דערויף חס ושלום שטערן.

אָט דאָס וואָס מ'דערמאָנט דאָס איצטער, אין צוזאַמענהאַנג וואָס מ'האָט גערעדט פריער, אַז אַ איד וואו ער געפינט זיך ניט, אין וועלכן דור און אין וועלכן אָרט, איז ער אַ טייל פון דעם אייביקן אידישן פאָלק, וואָס ציט זיך פון מעמד הר סיני ביז סוף כל הדורות, במילא מוז זיין "דתיהם שונות

מכל עם״: ס׳דאַרף זיין ניכר אין אים וואו ער זאָל זיך ניט געפינען – כאָטש אפילו ער געפינט זיך אין הונדערט זיבן און צוואַנציק מדינות – אַז ער געהערט צו דעם ״עם אחד״, צו דעם איין און איינציקן פאָלק וואָס ״עם לבדד ישכון״, אַ פאָלק וואָס אומעטום און אַלעמאָל האָט ער אַ לעבן פאַר-זיך –

זאָל מען דאָס גלייך אָנהויבן אַזוי גרייטן פון ״יונקים״, פון קינדער ווען זיי זיינען נאָך אין וויג, אַז זיי זאָלן אַזוי אויפגעהאָדעוועט ווערן,

און דאָס גיט די הבטחה, און דער אויבערשטער איז זיכער מקיים די הבטחה, אַז דאָס איז מבטל ״אויב ומתנקם״ – אָט די וואָס זיינען ניט צופרידן און די וואָס האָבן פיינט אידישקייט, און במילא (האָבן) זיינען זיי אויך ניט צופרידן און [האָבן] פיינט אידן, וואָרום אידן און אידישקייט איז דאָס איין זאַך,

און דאָס מיינט מען ניט אַ אידישקייט אין אַ פּאָר טעג אין יאָר, אָדער **עטלעכע** טעג אין יאָר, נאָר בכל ימות השנה: פונקט אַזוי ווי אַ מענטש לעבט ניט דריי טאָג אַ יאָר אָדער עטלעכע טעג אַ יאָר, נאָר יעדער טאָג פון יאָר וויל ער זיין אַ לעבעדיקער מענטש – אַזוי איז באַ אידן איז ״היא חיינו ואורך ימינו״, אידישקייט, תורה ומצוות דאָס איז דער לעבן און דאָס גיט אים אַ לאַנגן לעבן, אַז יעדער טאָג איז ״**אורך** ימינו״ – ווערט דאָס אַ **לאַנגער** טאָג, אָנגעפילט מיט אַ גוטן אינהאַלט.

און כדי דאָס צו באַוואָרענען איז צום אַלעם ערשטן דאַרף מען טאָן אַלעס מעגלעכע, און נאָך מער ווי ס׳איז מעגלעך, אַז ס׳זאָל זיין באַוואָרנט די ערציאונג: וואָס ווען רעדן ״עוללים ויונקים״.

און אָט דאָס גיט אַ הבטחה אויף דעם קיום און אויף דעם עלי׳, אויף דער אויפהאַלטן און שטייגן און ווערן אַלץ שטאַרקער און לעבעדיקער – פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

און ער האָט דאָס געזאָגט דעמאָלט – ווי געזאָגט פריער – **פורים** קטן, און האָט דאָס געזאָגט אין אַ מעמד ומצב פון סכנה **בפועל**, פון סכנת נפשות ממש – ווי ס׳איז טאַקע דערנאָך אַרויסגעקומען בהנוגע צו אים אַליין, נאָך דערויף ווי מ׳האָט צוזאַמענגעקליבן דעם גאַנצן ״חומר״,

על אחת כמה וכמה, אַז אונז האָט דער אויבערשטער מזכה און מצליח געווען, אַז מ׳געפינט זיך אין אַ מעמד ומצב וואָס מ׳קען טאָן אין דער ריכטונג אין אַ **פריילעכן** אופן און אין אַ **פרייען** אופן, און ניט נאָר מ׳האָט דערפאַר ניט קיין רדיפות, נאָר אדרבא, סוף כל סוף וועט מען נאָך באַקומען אַ סיוע – אַ צוהילף – פון כמה וכמה וואָס דערווייַלע פאַרשטייען זיי נאָך ניט די וויכטיקייט.

און ווי גערעדט פריער – אַז מ׳זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו אָפּטייטשן, און טייטשן אין פאַרשידענע אופנים –

מיינט מען דאָס גאָר איינפאַך, אַז יעדערער און יעדערע זאָל זען בהנוגע צו די ערציאונג פון זיינע אייגענע קינדער, און פון זיינע אייגענע אייניקלעך, און אויך פון זיך אַליין – אויב ער איז נאָך אַן ״עולל ויונק״, אויב ער איז נאָך אַ ״קינד״ אין וויסן וואָס אמת׳ע אידישקייט איז,

און טאָן אין דעם און אַן אופן טאָג-טעגלעך אין דער זעלבער ריכטונג, און ניט שרעקן זיך פאַר קיינע שוועריקייטן.

און די וואָס האָבן אַ השפעה און אַ ווירקונג אויף עסקנים ציבוריים, אָדער זיינען אַליין געזעלשאַפטלעכע טוער, על אחת כמה וכמה אויב זיי האָבן אַ דעה אַ וואָס מ׳זאָל טאָן מיט געלט וואָס קען אַוועקגיין אויף פאַרשידענע זאַכן –

זאָלן זיי מחליט זיין – באַשליסן – און טאָן אַלץ וואָס הענגט-אָפּ אָן זיי, אַז קדימה, בלשון המדינה ״פרייאָריטי״, זאָל גיין אויף ״עדיוקיישאָן״, ווי מ׳רופט דאָס דאָ אָן, אויף ערציען אידן אין אידישקייט, אין **אמת׳ע** אידישקייט, וואָס ציט זיך זינט מעמד הר סיני, אַלץ די זעלבע ״התורה זו לא תהי׳ מוחלפת״: זי **קען זיך ניט** בייטן און **וועט זיך ניט** בייטן, פונקט אַזוי ווי דער אידישער פאָלק וועט זיך ניט בייטן ניט רעכענענדיק זיך ניט מיט המן׳ען און ניט מיט אחשורוש׳ן, און אויך ניט מיט זייערע יורשים.

און אַזויווי ווי גערעדט שוין מערערע מאָל: געלט, איז אויב מ׳האָט ניט היינט – קען מען לייען, און מאָרגן און איבער-מאָרגן באַצאָלן;

אַ קינד וואָס מ׳דאַרף אים ערציען – קען מען דאָס ניט אָפּלייגן אויף מאָרגן אָדער אויף איבער-מאָרגן, דערפאַר וואָס דער קינד האַלט דערווייַלע אין וואַקסן, און ער לעבט אין אַ מדינה וואָס ס׳איז

דאָ השפעות – ווירקונגען וואס זיי **טויגן ניט** פאר דעם קינד, און אויב מ'וועט אים ניט אריינגעמען אין דער ריכטיקער אידישער ערציאונג הייזט - ווייס מען ניט וואס ר"ל ס'ען זיין מאָרגן אינדערפרי מיטן קינד.

איז דערפאַר, אויב ס'איז ניטאָ קיין געלט אין **מזומן**, איז אַ מצוה וחובה, און נאָכמערער - אַ זכות קדוש - אַ הייליקער זכות – פאַר יעדערן וואָס קען עפּעס טאָן אין דעם: לייען געלט וואו נאָר ס'לאָזט זיך, אַבי צו פאַרגרעסערן די מעגלעכקייט פון די אַלע וואָס פאַרנעמען זיך מיט חינוך הכשר, פון ערציאונג פון אידישע קינדער אין אַ כשר'ן אופן און אין אַן אידישן אופן, אַז זיי זאָלן קענען אַריינגעמען וואָס מערער קינדער,

ביז וואַנענט על-דרך ווי ס'שטייט בהנוגע צו יציאת-מצרים, אַז קיין איין און איינציק קינד וועט ניט בלייבן פון אויסווייניק פון כשר'ן חינוך.

און בשעת מ'וועט אַרבעטן אַלע צוזאַמען אין דער ריכטונג – האָט מען די הבטחה פון "יגעת ומצאת": אויב נאָר ס'וועט נאָר זיין דער ריכטיקער "יגעת", איז ניט נאָר אַז דאָס וועט **מצליח** זיין, נאָר ס'וועט אויך זיין "ומצאת" - אַז מ'וועט געפינען "מציאות", נאָך מערער ווי לויט דער האָרעוואַניע נאָך.

און מ'וועט אויפשטעלן פון קינדער און קינדס-קינדער – "צבאות ה'", זעלנער און אַרמייען פאַר דעם אויבערשטן, וואָס וועלן אינגיכן אַרויסגיין פון דעם גלות, און אין זכות זיי וועלן אויך אַרויסגיין זייערע מחנכים – זייערע ערציער – און זייערע עלטערן און די זיידעס און די באָבעס,

און מ'וועט גיין אַלע צוזאַמען מקבל-זיין פני משיח צדקנו, בגאולה האמיתית והשלימה.

* * *

**ה.** אַלע אידן זיינען דאָך "מאמינים בני מאמינים", אַלע אידן גלויבן דאָך, בכלל, און גלויבן בפרט, אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט – איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז אין דער וועלט איז ניטאָ קיין זאַך קיין איבעריקע, און ס'איז ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל פעלן צו דער שלימות פון דער וועלט.

וואָרום מה-דאָך, אַז בשעת אַ מענטש אַ בעל-שכל טוט-אויף אַן ענין, און ער וויל אַז דער ענין זאָל זיין אַ גוטער, וועט ער דאָך באַוואָרענען ביידע זאַכן: אַז ס'זאָל אין דער זאַך גאָרניט פעלן, און ס'זאָל אויך ניט זיין קיין **איבעריקע** זאַך, וואָרום אויב ס'איז איבעריק איז דאָס מבלבל, אָדער ער קען דאָס פאַרניצן אין אַן אַנדער אופן, אין אַן אַנדער זאַך,

על אחת כמה וכמה, אַז דאָס רעדט זיך וועגן דעם **אויבערשטן**, איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז "עולם על מילואו נברא", אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין אַן אופן ווי דער אויבערשטער זאָגט "וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד", אַז ס'איז באַשאַפן געוואָרן אין אַ גוטן אופן, אַז דאָרט איז ניטאָ קיין איבעריקע זאַכן און דאָרט פעלט ניט קיין זאַך וואָס מ'דאַרף האָבן אַז די וועלט זאָל זיין "טוב מאוד".

אין וועלט איז דאָך דאָ זאַכן וואו ג-טלעכקייט זעט זיך אָן מערער, אָדער ג-טלעכקייט שטייט אין אַ באַהאַלטענעם אופן –

איז דערפון אויך פאַרשטאַנדיק, אַז אויב בהנוגע צו דער וועלט בכלל איז דאָרטן ניטאָ "לא חסר ולא יתיר", ס'פעלט גאָרניט און ס'איז ניטאָ קיין איבעריקע זאַכן – על אחת כמה וכמה, כל-שכן וקל-וחומר אין די זאַכן אין וועלט וואָס ג-טלעכקייט שטייט דאָרט מער בגלוי, וואָס דאָס איז אידישקייט און תורה ומצוות, אַז דאָרטן איז זיכער ניטאָ וואָס ס'פעלט און ניטאָ וואָס ס'איז איבעריק.

וואָס דערפאַר קומט דאָס אַרויס אין אַ ציווי החלטי, אין אַ שטאַרקן באַפעל, בהנוגע צו תורה ומצוות: "לא תוסיפו ולא תגרעו", אַז בהנוגע צו תורה ומצוות טאָר מען ניט מוסיף זיין, וואָרום אויב מ'וואָלט **גענאַרפט** מוסיף זיין - וואָלט דאָס דער אויבערשטער געטאָן, און אויך "לא תגרעו", מ'קען גאָרניט אַראָפּנעמען, וואָרום אויב ס'איז עפּעס איבעריק – וואָלט דאָס דער אויבערשטער ניט אַריינגעשטעלט אין תורה ומצוות.

וואָס דאָס איז דאָך אויך איינער פון די טעמים פון "תורה זו לא תהי' מוחלפת" ו"לא

תשתנה", אַז זי קען ניט האָבן אין זיך קיין ענדערונג: וויבאַלד אַז דאָס איז תורת השם, וואָס דער אויבערשטער האָט איר געגעבן, און זאָגט, אַז דאָס איז "נתן לנו את תורת**ו**" – די תורה וואָס געהערט צו דעם אויבערשטן.

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת ס'איז דאָ נאָך אַ חג, נאָך אַ יום-טוב'דיקער טאָג – איז דאָס גופא אַ הוכחה, וויבאַלד אַז תורה זאָגט, אַז ס'מוז זיין נאָך אַ יום-טוב, איז דאָס באַוויזט, אַז דער יום-טוב קומט צו לערנען אַזאַ ענין וואָס פון די איבעריקע ימים-טובים קען מען דאָס ניט אָפּלערנען.

על דרך זה אויך בהנוגע צום יום-טוב פון פורים, "ושמחת בחגך" פון פורים, ועל דרך זה חנוכה, איז וויבאַלד אַז דאָס האָט מען צוגעגעבן אין אַ צייט שוין נאָכדעם ווי ס'איז געווען די אַנדערע ימים-טובים פון פסח און שבועות און סוכות וכו', און מ'האָט דערנאָך צוגעגעבן פורים – איז דאָס גופא אַ הוכחה, אַז פורים לערנט אַן ענין וואָס פון די אַנדערע ימים-טובים קען מען דאָס ניט אָפּלערנען.

לכאורה, אָט דער ענין, אַז אַ זאַך וואָס האָט געטראָפן מיט טויזנטער יאָרן צוריק דאַרף מען דאָס איצטער ניט נאָר דערמאָנען, נאָר דורכן דערמאָנען דאַרף מען דאָס איבערלעבן פון-דאָס-ניי ווי דעם ערשטן מאָל – איז די זעלבע זאַך דאָס לערנט אונז אויך יציאת-מצרים, ווי גערעדט פריער בארוכה.

וואָס איז דאָ די נקודה, די ספּעציעלע לערנונג, וואָס מ'נעמט אַרויס פון פורים – וואָס פון אַלע איבריקע ימים-טובים, אפילו ניט פון חנוכה, וואָס דאָס איז שוין אויך אַחוץ די שלש רגלים קען מען דאָס אויך ניט אָפּלערנען, און מ'מוז צוגעבן נאָך אַ יום-טוב, פורים.

און מ'מוז זאָגן, אַז דאָס איז אַן **עיקר'דיקע** לערנונג, און דאָס איז אַ לערנונג וואָס איז נוגע במיוחד – וויבאַלד אַז מ'זאָגט, אַז די שמחה פון פורים איז נאָך מערער ווי די שמחה פון אַלא איבעריקע ימים-טובים,

ווי די גמרא פסק'נט, און ס'ברענגט זיך דאָך אויך אַראָפּ אין שולחן-ערוך בהנוגע צו שמחת פורים, אַז זי איז גרעסער פון די שמחה פון שלש רגלים, כאָטש אפילו יענע זיינען מן התורה, און דאָס איז מדברי סופרים,

ביז ווי דער לשון הגמרא, אַז "חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע" – העכער פון אַלע באַגרענצונגען: ניט אַזוי ווי באַ ימים-טובים, וואָס דער בית-דין פלעגט שיקן ספּעציעל שלוחים אויף צו זען, אַז מ'זאָל ניט צופיל זיך אַריינלאָזן אין שמחה, משא"כ באַ פורים איז פאַרקערט – דער (צוזאָג) [אָנזאָג], אַז ס'דאַרף זיין אין אַן אופן פון "עד **דלא** ידע", העכער פון באַגרענצונגען.

וואָס ס'גיט אַרויס פסח און שבועות און סוכות, איינע לגבי די צווייטע – דאָס האָבן אונז געזאָגט קלאָר, אנשי כנסת הגדולה האָבן קובע געווען אין נוסח הברכות, אין דער תפילת העמידה פון די ימים טובים, אַז בשעת מ'זאָגט פסח – זאָגט מען, אַז די נקודה פון פירות לערנט אונז חירות, וואָס אמת'ע פרייקייט – חירות – איז לערנט אונז פסח; "זמן מתן תורתינו", וואָס אמת'ע תורה איז, וואָס "תורה" איז דאָך פון לשון הוראה, אָנווייזונג - אָט דאָס לערנט אונז שבועות, "זמן שמחתינו", וואָס איז אַן אמת'ע שמחה - אָט דאָס לערנט אונז סוכות און שמיני-עצרת און שמחת-תורה.

בהנוגע צו פורים האָט דאָך ניט קיין ספּעציעלע תפילה, אַחוץ "על הניסים", וואָס דאָרט איז מערניט [ווי] דער סיפור הנס – דאָרט איז אָבער ניט אָנגעוויזן, לכאורה: וואָס טוט-אויף אָט דער זמן, די לערנונג פון דעם יום-טוב, על דרך ווי פסח טוט-אויף בהנוגע צו חירות, שבועות צו מתן תורה און סוכות בהנוגע צו שמחה.

איז בשעת אָבער מ'גיט אַ קוק אין דער מגילה – איז דער אונטערשיד פון פורים ביז אַלע איבריקע ימים-טובים: מגילה איז פאַרבונדן ווי אידן געפינען זיך אין **גלות**.

פסח איז פאַרבונדן ווי אידן זיינען אַרויס **לגאולה**; "זמן מתן תורה" זיינען אידן געווען אַ פאָלק פאַר-זיך, אַלס אַ פרייער פאָלק אין אַלע היניזיכטן, על דרך זה "זמן שמחתינו", סוכות – "באספך מגנך ומיקבך" איז דאָך דאָס נקבע געוואָרן גלייך אַרויסגייענדיק פון מצרים און דערנאָך אַריינגייענדיק אין ארץ-ישראל, ווי אידן זיינען אַ פרייער פאָלק און לעבן באַ זיך, "תת גפנו ותחת

תאנתו".

אפילו חנוכה, וואָס חנוכה איז דאָך שוין געווען אַז ס'איז געווען "מלכות יון הרשעה", און זי האָט געהאַט אַ שליטה: זי האָט געקענט גוזר גזירות זיין אויף אידן - אָבער וואו האָבן זיך אידן געפונען? – זיי האָבן געהאַט אַ בית-המקדש, ארץ-ישראל איז געווען ברשותם, און זיי זיינען געווען אַ מלוכה פאַר-זיך, נאָר אויף דער מלוכה איז געווען "מלכות יון הרשעה" – שטאַרקער פון דער מלוכה.

בשעת ס'איז געקומען פורים-צייט - אָט דעמאָלט איז שושן הבירה איז געווען אין **חוץ-לארץ**, די גזירה איז געווען אין חוץ-לארץ; רוב אידן זיינען געווען אין חוץ-לארץ,

און נאָך מערער: אפילו נאָך דעם נס פורים, איז ווי די גמרא זאָגט "אכתי עבדי אחשורוש אנן" – נאָכן נס איז מען אויך "עבדי אחשורוש". אָדער בלשון המגילה, "מפוזר ומפורד בין העמים". וואָס דאָס איז געווען אפילו בשעת המנ'ס גזירה איז בטל געוואָרן – זיינען אויך אידן געבליבן "מפוזר ומפורד בין העמים".

און אָט דאָ איז אויסגעטיילט, און דאָס לערנט פורים, וואָס מ'קריגט דאָס ניט אַרויס און מ'קען דאָס ניט אָפּלערנען פון אַלע אַנדערע ימים-טובים, אפילו ניט פון חנוכה: וואָס איז אַ איד און וואָס ס'פּאַסירט מיט אים און ווי אַזוי ס'דאַרף זיין זיין אויפפירונג – ווען ער איז "מפוזר ומפורד בין העמים",

און ווי די חז"ל דערציילן, אַז דער בית-המקדש איז דעמאָלט געווען אָפּגעשטעלט, מ'האָט גאָרנישט ניט געקענט טאָן מיט אים וכו' וכו'.

און אין דערויף זעט מען צוויי נקודות, ווי גערעדט אַמאָל בארוכה, צוויי נקודות הפכיות,

אַז בשעת אַ איד געפינט זיך אין גלות, איז אָט דעמאָלט לערנט אונז פורים, אַז אפילו אַ גוי דאַרף וויסן, אַז דאָס איז אַן "עם אחד" - מ'איז אַן איין און איינציק פאָלק.

ער טראַכט זיך: איין איד געפינט זיך אין איין עק וועלט, און ער געפינט זיך אין דער צווייטער עק וועלט, און ער האָט ניט קיין לייכטן לעבן – איז וואָס דאַרף ער זיך מוסר-נפש זיין פאַר אַ אידן וואָס געפינט זיך אין דער צווייטער עק וועלט –

זאָגט מען: ניין! דאָס איז "עם **אחד**": ביסט טאַקע אין גלות, און האָסט ניט קיין שליטה אויף זיך, וואָרום דו לעבסט אין אַ מדינה, מיט חוקי המדינה,

[אמת טאַקע, אויף אידישקייט איז קיינער קיין באַלעבאָס ניט, ובלשון הידוע, אַז אַ אידישע נשמה איז ניט געווען מלכתחילה אין גלות; גלות איז מערניט ווי אויפן גוף מיט די עניני הגוף, אָבער דער גוף געפינט זיך דאָך **יאָ** אין גלות],

איז פונדעסטוועגן דאַרף ער וויסן, אַז "עם אחד": וואו נאָר ס'איז דאָ אַ איד בכל קצוי תבל – איז דאָס זיין פאָלק, און ער איז איינער פון דעם פאָלק, פונקט ווי דער צווייטער איד.

דאון ער דאַרף אויך וויסן זיין, "ודתיהם שונות מכל עם":

ס'איז ניט אַ קונץ און ניט דאָס איז גענוג, אַז בשעת ס'איז דאָ דער בית-המקדשף און בשעת מ'האָט אַ מלוכה פאַר-זיך, און בשעת מ'לעבט אין ארץ אשר "עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה" - אָט דעמאָלט פירט ער זיך אין אַן אידישן אופן, מיט אידישע מנהגים, נאָר "מפוזר ומפורד בין העמים" – איז דעמאָלט איז "דתיהם שונות מכל עם"!

און אויך, טאָמער זעט ער, אַז אַ גוי איז פון אים ניט צופרידן – לערנט אונז די מגילה, אַז ס'איז ניטאָ דערפאַר וואָס נתפעל צו ווערן, וואָרום אין דער מגילה ווערט שוין דערציילט, אַז "ולמלך אין שווה להניחם". ס'לוינט ניט.

מ'ווייס אַז אידן ברענגען אַ תועלת - אַ נוצן – צו דער מדינה; מ'ווייס אַז זיי מיינען די טובת המדינה, "(והתפללו) [ודרשו] את שלום העיר [והתפללו...]", ווי ער זאָגט אין תנ"ך אפילו בנוגע צו נבוכדנאצר הרשע וואָס ער האָט חרוב-געמאַכט דעם בית-המקדש, און צו מלכות בבל, על אחת כמה וכמה צו אַ מלכות חסד, על אחת כמה וכמה צו אַ מלכות וואָס ס'איז דאָ אידן וואָס זיי זיצן "בשער המלך",

אָבער אף על פי כן דאַרף מען זיך ניט דערשרעקן, אַז ס'קומט אַ גוי און זאָגט "ומלך אין שווה להניחם",

אָדער אַז ס'קומט איינער און וויל מיט אים טענה'ן, אַז וויבאַלד אַז ער געפינט זיך "בשער המלך" – איז וואָס האָט דאָס פאַר אַן אויסזען, אַז "לא יכרע ולא ישתחוה", אַז ער זאָל זיך ניט בוקן צו די אידעאַלן, צו די געטשקעס, וואָס ס'בוקן זיך די גויים אַרום אים.

וואָס אָט דאָס האָט מען ניט אָט די אָפּלערונונג [משאר הימים-טובים]:

פון פסח ווייס מען, אַז אַ איד דאַרף וויסן זיין, אַז זיין אמת'ע חירות איז דאָס בשעת "משכו וקחו לכם צאן ושחטו הפסח" - אַז ער שיידט זיך אָפּ פון אַלע-ערליי עבודה-זרה'ס,

אָבער וויסן, אַז אפילו אַז ער ווייס, אַז מאָרגן איז ער נאָך אין גלות, דאַרף ער היינט און מאָרגן און איבערמאָרגן פירן זיך אַנדערש ווי אַלע פעלקער אַרום אים, [את זה יודעים רק מחג הפורים].

און נאָכמערער: ער טאָר באַ זיך ניט זיין אַראָפּגעפאַלן אין בטחון, אַז דאָס וועט אים שאַדטן, והא ראי', ס'איז דאָ אַ גוי, וואָס זיצט אויך "בשער המלך", און ער וויל זאָגן און אָנפירן אַ גאַנצע שקלא-וטריא, אַז "דתיהם שונות מכל עם" איז דערפאַר "למלך אין שווה להניחם",

איז זאָגט מען אים, אַז אדרבא, אויב ער וועט זיך פירן אין אַן אופן פון "דתיהם **שונות** מכל עם", איז כאָטש אפילו ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט פון אַרויסגיין פון דעם מצב פון "עבדי אחשורוש", אָבער מ'וועט אַרויסנעמען פון אַלע ענינים המבלבלים, און ס'וועט בטל ווערן די אַלע גזירות וואָס שטערן אַ אידן צו זיין לעבעדיק און שטאַרק און לעבן אַ אידישן לעבן, וואָרום "הקב"ה מצילנו מידם".

און דערנאָך זאָגט מען אים, אַז דאָס איז ניט אַ זאַך וואָס דאָס מיינט מען, אַז ער זאָל זיך אַזוי פירן ווען ער איז באַ זיך אין דער היים, און קיינער זעט אים ניט, און ער טאָר ניט אויפרייצן די פעלקער וואָס אַרום אים –

זאָגט מען אים: ניין! אָט דעמאָלט דאַרף זיין די שמחה אין אַן אופן אָן קיינע באַגרענצונגען.

און ניט נאָר דאָס וועט ניט שאַדטן זיין אָנזעען ביי אַנדערע פעלקער; ניט נאָר דאָס וועט ניט שאַדטן צו זיין שטאַנד - צו זיין מעמד ומצב - "בשער המלך", נאָר אדרבא – דאָס איז די וועג, אַז מרדכי זאָל ווערן אַ "משנה למלך אחשורוש".

"אכתי עבדי אחשורוש אנן", דער מלך איז נאָך דערווייַלע אחשורוש, וואָרום מ'געפינט זיך נאָך אין גלות, און מ'געפינט זיך אין אַ גלות וואָס ער איז חושך כפול ומכופל, ווי ער טייטשט אין מדרש, [אַז] אחשורוש "השחירן כשולי קדירה": ס'איז אַזוי פינסטער – ווי די אונטערשטע טייל פון אַ קדירה וואָס איז אויפן פייער איז זי אינגאַנצן שוואַרץ.

ווי מ'זעט דאָס בפועל: קיין מאָל ניט געווען, אַז דוקא אין אַ מדינה וואָס מ'קען לעבן אַ אידישן לעבן מיט דער גאַנצער פרייקייט און מיטן גאַנצן שטורעם – זאָל קאָנען זיין אַ מעגלעכקייט מ'זאָל זאָגן "לחושך אור ולאור חושך", זאָגן אויף אמת'ע אידישקייט אַז דאָס איז "פאַנאַטיזם", און דאָס איז קיצוניות, און דאָס איז צופיל, און דאָס איז ניט דעמאָקראַטיש און ניט אויסגעהאַלטן,

ו"לחושך אור": אָט דאָס וואָס רחמנא ליצלן גראָבט-אונטער דעם קיום פון אידישקייט, וואָס דאָס איז פשרות, און מיט די אַלע איבעריקע זאַכן, ביז רחמנא ליצלן "אינטער-מעריעדזש", מיט די הבטחות, אַז מ'וועט מחנך זיין דעם שייגעץ וואָס ווערט געבאָרן אין אידישן דת,

וואָס דאָס איז נאָך אַ פשע על פשע, דאָס איז נאָך אַן איסור צוגעקומען, און מ'זאָגט, אַז דער וואָס טוט דאָס **באַרימט** זיך, אַז ער בויט-אויף דעם אידישן פאָלק, ס'זאָל צוקומען נאָך אַ שייגעץ פאַרשריבן ווערן אַלס אַ איד וכו', און ער איז דער וואָס האָט געפּראַוועט דעם "אינטער-מעריעדזש" און האָט אַרויסגענומען אַ הבטחה, אַז מ'וועט דאָס מחנך-זיין אין אידישן וועג – בשעת אים אַליין דאַרף מען ערשט אָנהויבן מחנך-זיין, דערציילן דעם "אל"ף-בי"ת" פון אידישקייט,

איז ער איז דער וואָס קומט מאָנען דורך חרוב-מאַכן אַ אידיש קינד'ס לעבן, און מאַכן אַן ענין וואָס ווערט ביי אים אָנגערופן בשם "חתונה", מיט הבטחות שאין בהם ממש, און אויב מ'וועט דאָס מקיים-זיין – איז דאָס אַן ענין של חורבן.

וואָס ס'איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ שחרות, אַזאַ פינטערקייט, "כשולי קדירה", אַז אין אַ מדינה וואָס איז פריי, און מ'קען מחנך-זיין קינדער אין אמת'ן אידישקייט, און האָבן פון זיי אמת'ן

נחת – איז דאָ אַזעלכע וואָס רופן זיך אָן בשם ״מדריכים רוחנים״, ״ספיריטשעל לידער״, און ער שעמט זיך ניט אַרויסגיין צו זאָגן, און דרוקן, און באַרימען זיך, אַז ער איז דער וואָס מאַכט חתונה אַ איד מיט ניט-קיין-אידן, און ברימט זיך, אַז ער וועט אַרויסבאַקומען די הבטחה, אַז די קינדער וועט מען מחנך-זיין אין אידישקייט!

און באַרימט זיך נאָך, אַז ער איז מזרע אהרן הכהן. אַ **כהן** איז ער נאָך דערצו!

וואָס אַזאַ חושך כפול ומכופל איז נאָך קיינמאָל ניט געווען: באַ די ערגסטע גזירות, אין מסעות הצלב וכו׳, איז קיינער (זיך ניט אונטער) אונטערשטייט זיך [ניט] צו זאָגן אַזאַ זאַך און שרייען, אַז דערמיט וועט ער אויפבויען דעם אידישן פאָלק און אידישקייט און דעם אידישן כבוד.

און ווי גערעדט כמה פעמים: ס׳איז ניט נאָר צו **אים** די טענה – ס׳איז אַ גרעסערע טענה צו די שותקים, צו די שווייגער:

ער געהערט צו כמה וכמה ארגונים, צו כמה וכמה אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַהינצו געהערן אויך אידן וואָס אַז מ׳זאָגט זיי וועגן דער זאַך גיט ער זיך אַ טרייסל – פרעגט מען ביי אים: פאַרוואָס טוסט דו ניוט?! דו האָסט אַ ״וויטאָ-פּאַוער״, דו קענסט מחליט זיין מ׳זאָל אים אַרויסוואַרפן, דו קענסט מחליט זיין אַרויסגיין דרוקן אין צייטונג; מיטן זעלבן שטורעם ווי ער באַרימט זיך – זאָלסטו דרוקן אין צייטונג, אַז דאָס איז דברים שאין להם שחר. ניט נאָר ס׳איז אַנטקעגן דעם אויבערשטן, אַנטקעגן תורה, אַנטקעגן דעם אידישן פאָלקל – דאָס איז פשוט׳ער שטות וואָס האָט קיין ממש ניט!

טענה׳ט ער: ער איז אַ ״שותק״. ער ליגט ניט אין די אַלע ענינים, ״ס׳איז ניט זיין זאַך״.

קומט צוגיין דער כהן, רחמנא ליצלן, און טענה׳ט, אַז ״שתיקה כהודאה דמיא״, ״משדתקי רבנן – משמע דניחו להו״! ס׳איז דאָ ״רבנן״, רבנים טאַקע, און איהו זיי שווייגן!

אַז מ׳טענה׳ט מיט אים: וואָס שווייגסטו?! מ׳מאַכט חרוב זאָל זיין מערניט ווי אַ לעבן פון איין און איינציק אידיש קינד, איז יעדער מענטש איז דאָס אַן ״עולם מלא״.

און דערנאָך איז דער באַרימער, דער כהן, באַרימט זיך אַליין, אַז ס׳איז ניט איין און איינציקער פאַל – ער האָט שוין **צענדליקער** אַזעלכע.

און דאָס איז אַזאַ וואָס **דערציילט** דערפון, און וויפל איז דאָ אַזעלכע וואָס מאַכן דאָס ״במחשך מעשיהם״ – שטילערהייט און שוויגנדיקערהייט, כדי ער זאָל אָנגערופן ווערן ״ראַבי״, און מ׳זאָל אים געבן די שכירות זיינע, און ער זאָל טאָן דאָס אויפן חשבון פון חורבן פון דעם אידישן פאָלק.

און אָט דאָס איז איינע פון די נקודות וואָס מ׳האָט דאָס ניט פון קיין יום-טוב ניט:

מגילת אסתר דערציילט, אַז מ׳ווייס אַז מ׳איז מערניט ווי ״משנה למלך אחשורוש״, מערניט ווי אַ **צווייטער**; דער ערשטער איז געפינט מען זיך אין גלות, במילא איז דער ערשטער – דער שר פון דער מדינה, וואָס דער שר פון דער מדינה געהערט צו דער מלכות פון דער מדינה, צי דאָס איז אַ פּרעזידענט אָדער באופן אחר.

אָבער אַ איד זאָל דערגרייכן ״**משנה** למלך אחשורוש״ – איז דאָס דורך דעם וואָס ער בלייבט ״**מרדכי**״, און ״מרדכי **היהודי**״.

וואָס ״מרדכי היהודי״, איז טייטשט אָפּ די גמרא, אַז ער איז גאָר געווען פון שבט **בנימין**, און מ׳רופט אים ״יהודי״, ניט דערפאַר וואָס על-שם פון שבט יהודה, נאָר דערפאַר וואָס ער איז ״מודה בכל התורה כולה״: תורה-שבכתב, תורה שבעל-פה, איז ווי דער רמב״ם פסק׳נט אָפּ אַ קלאָרן פסק-דין, אַז יעדער זאַך וואָס שטייט אין תורה שבעל-פה איז דאָס תורה מן השמים.

און דאָס איז דער זעלבער רמב״ם וואָס האָט אָנגעהויבן דעם ספר מיט ״יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי״ – אמונה אין דעם אויבערשטן, און איינער פון דעם המשך פון דעם ענין איז, אַז יעדער ענין וואָס שטייט אין תורה שבעל-פה איז דאָס תורה מן השמים, און אַז ניט - אָט דער וואָס זאָגט אַזוי ״שניידט זיך אָפּ״ פון דעם עיקר. אַזוי פסק׳נט דער רמב״ם. על אחת כמה וכמה, אַז מ׳ווערט נאָך אַ **מזיק**, די זאַך – ווי גערעדט פריער – פון ״אינטער-מעריעדזש״ וכו׳ וכו׳.

לערנט אונז די מגילה, אַז ניט מ׳דאַרף מקיים-זיין מצוות דערפאַר וואָס נאָך דעם קיום המצוות גייסטו גלייך אַרויס פון גלות;

אויב אפילו מ'ווייס, אַז מאָרגן איז חס ושלום קומט נאָך ניט משיח, מערניט [ווי] די העכסטע זאַך וואָס ס'קען זיין [איז] "**משנה** למלך אחשורוש" – אף על פי כן ווערט ער ניט נתפעל פאַר דער גאַנצער וועלט ניט, פאַר דער גאַנצער מלכות וואָס איז מושל ושולט אויף קכ"ז מדינות, אויף "שבע ועשרים ומאה מדינה":

אויב ס'איז אַ שייכות צו אידישקייט, צו תורה ומצוותי', איז ווי געזאָגט פריער – אין דערויף איז ניטאָ קיין גלות.

און ער טענה'ט, אַז ער געפינט זיך איינער אַליין, פאַנאַנדערגעוואָרפן פאַנאַנדערגעשפרייט צווישן אַלע פעלקער, און ער געפינט זיך איינער אין דער גאַנצער שטאָט – לערנט די מגילה, אַז " מפוזר ומפורד ביןהעמים", אָבער ער איז ניט אַליין – ער איז אַן "עם אחד", ער איז איינער פון די אַלע אידן פון מעמד הר סיני ביז סוף כל הדורות.

און דורך וואָס איז דאָס? – דורך דערויף וואָס "דתיהם שונות מכל עם", דערפאַר וואָס זיי האַלטן זיך אָן די "דתות", אָן די מנהגים און די מצוות און די תורה וואָס ס'האָט זיי געגעבן "ה' אחד", וואָס ער איז "אחד בשמים ובארץ".

און אָט דעמאָלט האָט מען די הבטחה, אַז אף על פי וואָס "מפני חטאינו גלינו מארצנו", און ס'איז נאָך דאָ עפעס-וואָס פון די חטאים וואָס מ'דאַרף נאָך מתקן זיין, במילא האָט זיך נאָך ניט געענדיקט דער גלות,

ואדרבא, ווי געזאָגט פריער, אַז מ'געפינט זיך אין אַ חושך כפול ומכופל,

און ווי דער רבי דער נשיא האָט געזאָגט כמה פעמים די דוגמא אויף דעם, אַז מ'זעט אין טבע, אַז די ענדע פון דער נאַכט, איידער ס'הויבט-אָן טאָגן - אָט דעמאָלט איז די פינסטערקייט נאָך שטאַרקער, אָדער איידער מ'כאַפּט זיך אויף פון שלאָף - אָט דעמאָלט איז די טיפסטע רגע פון דעם שלאָפן.

וואָס דערפאַר איז דוקא אין "עקבתא דעיקבתא דמשיחא", אָט דאָרט איז דער ענין פון חושך כפול ומכופל.

על דרך ווי אין גוף האדם, איז דאָך דאָ דער חיות אין דעם מענטשלעכן גוף וואָס זעט זיך אָן אין טיילן פון דעם גוף אין אַ **שטאַרקן** אופן, און דאָ אברים וואָס ס'זעט זיך אָן שוואַכער; אַמשוואַכסטן זעט זיך אָן דער חיות פון אַ מענטשן – אין דעם עקב און אין דער ענדע פון דעם עקב, אין "עקבתא דעיקבתא דמשיחא"; אין דער ענדע פון דעם עקב זעט זיך אָן אַמשוואַכסטן חיות האדם.

ביז וואַנענט, אַז אין אבות דרבי נתן רופט ער דאָס אָן "מלאך המות שבאדם זהו עיקבו של אדם", דאָס איז די **פּיאַטע** זיינע.

על דרך זה אויך אין כללות הדורות, איז דאָך דאָס אַ "קומה שלימה": די ערשטע דורות זיינען בדוגמת "ראש" ו"לב" ו"ידים", ביז אין "**עקבתא** דמשיחא", וואָס זיי ווערן אָנגערופן בשם "עקב", די לעצטע און אויך ניט "סוף", נאָר אויסגעקליבן דעם לשון "עקב", וואָס דאָרט איז דער חיות אַמווייניקסטן, ביז וואַנענט אַז מ'קען זיך איינרעדן אַז ס'איז גאָרניט דאָ קיין חיות, וואָס דערפאַר איז דאָ איז דער חושך כפול ומכופל.

דערציילט די מגילה, אַז בשעת אַ איד שטעלט זיך מיט אַ שטאַרקייט און זאָגט, אַז "דתיהם שונות מכל עם", און ער שעמט זיך ניט דערפון, נאָר בשעת ער שטייט "בשער המלך", וואָס "כל עבדי המלך" איז "כורעים ומשתחוים להמן" – איז "מרדכי לא יכרע ולא ישתחוה" – אָט דאָס איז מבטל אַלע גזירות,

און אדרבא – דורך דערוף ווערט ער דער "משנה למלך אחשורוש" צו דעם העכסטן שטופל, צו דעם העכסטן מעמד ומצב וואָס ער קען דערגרייכן, "רק הכסא אגדל ממך" – ער איז דער צווייטער נאָכן העכסטן אין דער גאַנצער מדינה.

און דאָס ווערט דערנאָך די הכנה און דער "מסמך גאולה לגאולה", אַז מ'לייענט און מ'לערנט און מ'איז זיך מתבונן אין די ענינים פון פורים און מ'לעבט דאָס דערנאָך בחיי יום יום, אין טאָג-טעגלעכן לעבן – האָט מען דערנאָך "אורה זו תורה" ביז "ויקר אלו תפילין",

ביז כפשוטו – "אורה ושמחה וששון ויקר" בחיי יום-יום, אין טאָג-טעגלעכן לעבן, פריילעכע

טעג און געזונטע טעג און אידישע טעג,

ובקרוב ממש גיין בגאולה האמיתית והשלימה פון "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות".

לחיים.

* * *

**ו.** נאָך אַן ענין לערנט אונז די מגילה, [וואָס ווי געזאָגט פריער, אפילו אַ טייל, וואָס פּאַראַ טייל ס'זאָל ניט זיין, אפילו אַ קלענער טייל פון דער מגילה, דאַרף מען ניט פאַרפעלן אין הערנדיק אין מקיים-זיין די מצוה מקרא מגילה,

על אחת כמה וכמה – זיכער – אַן ענין וואָס ווערט דערציילט אין מגילה אין עטלעכע פסוקים, און אַ גאַנצער ענין – דאַרף מען זיכער לייענען און הערן, און ווי געזאָגט פריער – **דערהערן** און איבערלעבן.

ביז וואַנענט אַז דאָס ווערט ביי אים אַן אָפּלערנונג אין זיין טאָג-טעגלעכן לעבן].

וואָס לכאורה, אויפן ערשטן קוק, לויט אָט דער ערקלערונג איז אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק צוליב וואָס דאַרף די מגילה דערציילן, און מ'דאַרף דאָס לייענען, די אַלע פרטים ווי אַזוי אחשורוש המלך האָט איינגעאָרדנט זיין "משתה המלך".

און דערציילט, וואו מ'האָט דאָס געמאַכט – "בחצר גינת ביתן המלך", און אויף וואָס מ'איז געזעסן און ווי אַזוי מ'איז געלעגן, און אַז ס'איז געווען "חור כרפס ותכלת", מיט אַלע-ערליי פרטים ווי ס'האָט אויסגעזעען דער צימער, מיט די בעטן, מיטן עסן, מיטן טרינקען וכו'.

לכאורה, וואָס איז נוגע צו דער מגילה – מערניט צו וויסן, אַז "כטוב לב המלך ביין" האָט ער דעמאָלט געזאָגט, אַז מ'זאָל ברענגען ושתי. וואָס דאָס איז נוגע אַלס הקדמה, ווי קומט אסתר ווערן אַ מלכה. אָבער צו "כטוב לב המלך ביין" איז ניט נוגע צו דערויף ווי ס'איז געווען "חור כרפס ותכלת" אין די מיטות ודר, מיט די אַלע פרטים וואָס מ'האָט געגעבן די אורחים וואָס זענען געקומען זיך באַטייליקן אין דעם משתה המלך.

און ווי געזאָגט, ניט נאָר מ'זאָגט, אַז ס'איז געווען אין אַ גרויסן אופן – נאָר מ'רעכנט אויס אַלע פרטים.

איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז אין דערויף מוז אויך זיין אַן אָנווייזונג,

און ווי גערעדט פריער, אַז וויבאַלד אַז די מגילה איז דאָס אין אַ שמחה גדולה ביותר – דאַרף אַרויסרופן גאָר אַן אומבאַגרעניצטע שמחה – זיינען די ענינים, אויך די פרטים פון דער מגילה, אַ טייל פון דעם ענין וואָס ברענגט צו דער אומבאַגרעניצטער שמחה.

נאָר די נקודה – דער עיקר – וואָס מ'לערנט אָפּ פון דער באַשרייבונג, [איז], אַז בשעת אַ מענטש טוט אַן ענין – דאַרף ער דאָס טאָן לויט זיינע מעגלעכקייטן.

ניט ער דאַרף זיך רעכענען, אַז וויבאַלד אַז ביי אַ צווייטן איז גענוג אין דער און דער מאָס, איז פאַר אים אויך גענוג ער זאָל טאָן עפּעס מערער; וויבאַלד אַז ביי אים איז גרעסערע מעגלעכקייטן – קען ער ניט יוצא-זיין מיט מאַכן **סתם** אַ משתה, נאָר ס'דאַרף זיין אַ משתה "בחצר גינת ביתן המלך".

לכאורה: הונדערט און אַכציק טעג נאָכאַנאַנד הוליען און שיכור'ן, איז באַווייזט דאָס סאַראַ גרויסער חכם ער איז געווען און אין וואָס אחשורוש המלך איז געלעגן, אָבער דאָס וואָלט ניט אַזוי געווען נוגע דערציילן סאַראַ חכמה אין וואָס אחשורוש איז געלעגן אַ האַלב יאָר צייט נאָכאַנאַנד – אַז מ'זאָל דאָס דאַרפן לייענען יעדער יאָר אין דער מגילה, און פריער מאַכן אַ ברכה,

וואָס צווישן דער ברכה מיט דער מגילה טאָר מען ניט מפסיק זיין, און דאָ שטעלט מען אַריין פסוקים נאָכאַנאַנד ווי אַזוי אחשורוש האָט געהוליעט הונדערט און אַכציק טעג נאָכאַנאַנד, און ווי אַזוי ער האָט אויסגעזעצט די וואָס ער האָט איינגעלאַדן אויפן משתה.

נאָר אָט דאָס איז אַן אָפּלערנונג, אַז בשעת דער אויבערשטער גיט אַ מענטשן אַ מעגלעכקייט, [חסר קצת. בשיחות קודש: און דערנאָך דאַרף ער טאָן זיינעם אַן ענין, דאַרף ער דאָס טאָן לויט זיין מעגלעכקייט], ניט רעכענענדיק זיך, אַז וויבאַלד אַז דאָס איז אַ גרויסע זאַך, [איז] אפילו ער וועט טאָן האַלב פון זיינע מעגליכקייט[ן] האָט ער שוין אויך יוצא-געווען!

דערציילט די מגילה, אַז וויבאַלד אַז אחשורוש איז דורכגעגאַנגען דריי יאָר, "בשנת שלש לשבת על כסא מלכותו", וואָס ער האָט דאָך שוין געוואוסט, אַז ער זיצט פעסט אויפן כסא המלכות – אָט דעמאָלט האָט ער באַוויזן, אַז ער מאַכט אַ משתה – לויט ווי ס'דאַרף מאַכן אַ מלך פון "שבע ועשרים ומאה מדינה"!

דערפאַר איז ניט גענוג אַז די מגילה וואָלט געשריבן, אַז ער האָט געמאַכט אַ "משתה גדול" – ווייס מען, אַז מ'דאַרף מאַכן אַ גרויסע זאַך,

זאָגט די מגילה: ניין! אַז מ'דאַרף זיך לאָזן "חור כרפס ותכלת" און "מטות זהב וכסף" ובהט, מיט די אַלע פרטים וואָס ער רעכנט אויס – דברים נפלאים!

וואָס איז דערפון די אָפּלערנונג:

אַז מה-דאָך, אַז דאָס טוט אַזוי אחשורוש המלך, וואָס ער איז ניט געווען קיין איבערגעשפיצטער, און ער האָט געטאָן על דעת עצמו, כדי צו באַווייזן, אַז ער זיצט שוין פעסט על כסא מלכותו;

אַז ס'קומט צו אָט דעם וואָס **לייענט** די מגילה, און דער וואָס **לערנט** די מגילה, און קוקט זיך און טראַכט זיך אַריין וואָס די מגילה דערציילט אים, און וואָס דאָס לערנט אים – דאַרף ער זיך באַטראַכטן, אַז ער האָט אַ שליחות פון דעם אויבערשטן טאָן אין אַן ענין פון אַ מצוה, איז ניט גענוג אַז ער זאָל טאָן ווי ס'טוט אַ צווייטער, וואָס האָט ניט די מעגליכקייטן וואָס ער האָט, וועט ער טאָן ניט וויניקער ווי יענער; ער וועט טאָן אַביסל מערער פון יענעם –

זאָגט מען אים: ניין! דו דאַרפסט טאָן "בכל מאדך" – "מאד **שלך**". דו דאַרפסט אָפּמעסטן **דיינע** מעגלעכקייטן, און דעמאָלט דאַרף דאָס זיין "מאד" – מערער פון **דיינע** מעגלעכקייטן.

און לערן זיך אָפּ פון אחשורוש'ן:

ער האָט זיך ניט באַגנוגנט הונדערט זיבעציק ניין טעג, נאָר **הונדערט אַכציק** טעג.

און ער האָט זיך ניט באַגנונגט "כטוב לב המלך ביין", אַז **זיין** לב זאָל ווערן גוט "ביין", נאָר ער האָט געזען, אַז אַלע וואָס געפינען זיך במלכותו, איז "הראוי לחצר" זאָל ער האָבן בחצר, און "הראוי לגינה" – זאָל ער קענען האָבן די גינה, און "הראוי לביתן" – זאָל ער גיין אין ביתן, און דאָרטן זאָלן זיי האָבן, ניט לויט זייערע געוואוינטהייט, ווי **זיי** זיינען געוואוינט, נאָר לויט די מעגלעכקייטן פון המלך אחשורוש.

וואָס דערפאַר איז דאָס געווען "חור כרפס ותכלת" מיט די אַלע פרטים.

אַז ער קומט ממלא-זיין דעם אויבערשטנ'ס אַ שליחות, איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז ער דאַרף אין דערויף אַריינשפּרינגען מיט אַלע זיינע כוחות, מיט אַלע זיינע כשרונות, מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן,

און ניט קומען מיט אַ טענה, אַז וויבאַלד אַז ער האָט געטאָן ווי ס'טוט זיינער אַ חבר, אָדער ער האָט געטאָן צוויי מאָל אַזויפיל, דריי מאָל אַזויפיל, פיר מאָל אַזויפיל, וואָס קען מען צו אים האָבן פאַר אַ טענות – ער גייט אויספירן די שליחות פון דעם אויבערשטן, וואָס צוליב דעם האָט אים דער אויבערשטער געגעבן אָט די מעגלעכקייט.

(און אָט!? וואָס!?) דערפאַר איז ווי גערעדט פריער:

אויב איינער איז אַן עסקן ציבורי, אַ מדריך רוחני, און ער וועט זאָגן: אַזוי ווי ער האָט מחנך געווען זיינע קינדער אין אידישן וועג – וואָס קען מען נאָך פון אים פאַרלאַנגען?

אַזוי ווי ער האָט געפועל'ט, אַז ס'זאָל זיין אַ חדר, אַ תלמוד-תורה, אַ ישיבה אין זיין שכונה, האָט ער שוין יוצא-געווען פאַר אַלעמען, און פאַר דעם אויבערשטן, און פאַרן אידישן פאָלק –

זאָגט די מגילה: ניין! דו דאַרפסט מאַכן "חור כרפס ותכלת" און "מטות זהב וכסף" און "בהט וששׁ" מיט אַלע זאַכן.

און ערשט דעמאָלט קען זיין דער "טוב לב המלך ביין". ערשט דעמאָלט קענסטו זיך אָפּרוען און האָבן אַ רואיקן האַרץ און ס'זאָל דיר זיין גוט אויפן האַרצן, וואָרום דו ווייסט, אַז חצר און גינת און ביתן המלך איז פול געווען מיט אָט די וואָס דו האָסט זיי געקענט פאַרשאַפן די משתה, און דו

האָסט זיי פאַרשאַפן ניט לויט זייערע פאָדערונגען, לויט זייער געוואוינהייט, נאָר אָט לויט די מעגליכקייטן וואָס דער אויבערשטער האָט דיר געגעבן.

און וויבאַלד אַז ער איז אַן עסקן ציבורי, און אויב ער וועט קלאַפּן אויפן טיש וועט ער פועל׳ן מ׳זאָל געבן אַ האַלבן מיליאָן דאָלער אויף חינוך הכשר, אַ מיליאָן דאָלער אויף חינוך הכשר, און ער קען פועלן **צוויי מיליאָן** – האָט ער גאָרניט יוצא געווען, ניט פאַר זיך, ניט פאַרן אויבערשטן, ניט פאַר דעם אידישן פאָלק; ער דאַרף פועל׳ן צוויי מיליאָן דאָלער.

אַן אַנדערער אַז ס׳פּועל׳ט ח״י דאָלער, איז דאָס אויך האָט ער אַלץ אָפּגעטאָן, דערפאַר וואָס אויף מער קען ער ניט; ער קען מערניט ווי זיבעצן דאָלער, און ער האָט געגעבן ח״י;

אָט דער וואָס קען אויפטאָן צוויי מיליאָן דאָלער, און ער גיט איין מיליאָן – איז ער לגמרי ניט יוצא אָט דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אויף אויסנוצן וכו׳.

און אָט דאָס לערנט אונז די מגילה. מ׳ווייס דאָס ניט פון יום-טוב פסח, על אחת כמה וכמה אַז מ׳ווייס דאָס ניט פון אַ מעמד ומצב אין גלות.

ער טראַכט זיך: ער דאַרף זיך באַזאָרגן וואָס וועט זיין מיט אים מאָרגן; ער געפינט זיך אין גלות –

לערנט די מגילה, אַז וואָס טראַכסטו וועגן מאָגן?! היינט איז דאָ אַ אידיש קינד וואָס דאַרף באַקומען אַ אידישן חינוך, און דו קענסט שאַפן צוויי מיליאָן דאָלער, נאָר וואָס דען, דו דאַרפסט קלאַפּן אויפן טיש – קלאַפּ אויפן טיש און שלאָף ניט און רו ניט, און אַרבעט אויף דערויף הונדערט און אַכציק טעג ביז וואַנענט ס׳וועט ווערן באַ דיר ״כטוב לב המלך ביין״.

ועל דרך זה אָט דער וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט ער זאָל קענען שרייבן אין אַ צייטונג,

איז אמת טאַקע מ׳האָט אים געגעבן אין צייטונג ער זאָל שרייבן נייעס וואָס טוט זיך אין מלחמה וואָס ס׳איז דאָ אין קצוי תבל, אָבער דאָס איז מערניט [ווי] דער אויסנווייניקסטער לבוש; אַן אויסווייניקסטע שאָלעכץ, דורך וועלכע ער זאָל קענען אויסנוצן זיינע מעגלעכקייט אויף פאַרשפּרייטן אידישקייט,

דאַרף ער זוכן אַ וועג, בשעת ער וועט באַשרייבן וואָס עס טוט זיך אין דער מלחמה – זאָל מען פון דאָרט אַרויסקריגן דעם ענין פון השגחה פרטית.

איי וואָס ער ווייס דאָס פאַר זיך, אָבער ער האָט אַ מעגלעכקייט באַיינפלוסן אַלע לייענער פון אַ צייטונג – איז ער לגמרי ניט יוצא אָט דאָס וואָס ער באַגנוגט זיך מיט זיך און מיט זיינע בני-בית.

ועל דרך זה ווי ידוע דער וואָרט פון דעם רבי׳ן דער נשיא בשם דעם צמח צדק, אַז אַ זאַך וואָס ווערט אָפּגעדרוקט איז דאָס אויף דורי-דורות:

אָט דער וואָס האָט אַ כשרון, דער אויבערשטער האָט אים געגעבן אַ כשרון און אַ מעגלעכקייט אויף שרייבן אַ בוך. איז וואָס ס׳זאָל ניט זיין דער ״קאָווער״ פון דעם בוך, ניט נאָר דער ״דזשאַקעט״ און דער ״קאָווער״ דער אויסווייניקסטער; וואָס ס׳זאָל ניט זיין דער אויסווייניקסטער אינהאַלט פון דעם בוך – דאַרף דאָס דערגרייכן צו דעם לייענער, אַז דער לייענער זאָל דערפילן, אַז ״יש בעל הבית לבירה זו״! אַז ס׳איז דאָ אַ באַלעבאָס אין דער ווילדער וועלט.

אַז מ׳גיט אַ קוק אויף דער וועלט – שרייט מען: ס׳איז אַ ״דזשאַנגל״! ס׳איז כל הענינים וואָס זיינען היפך השכל, ס׳געוועלטיקן זאַכן מיט מענטשן וואָס פירן זיך אויף אויף אַ ווילדן אופן; וואו זעט מען דעם באַלעבאָס פון דער ״באַלעבאַטישקייט״, פון דעם ״פּאַלעס״?!

אַז דער אויבערשטער האָט אים געהייסן שרייבן אַ בוך, און געגעבן אַ מעגלעכקייט, און האָט אים צוגעשטעלט איינעם וואָס זאָל אָפּדרוקן דעם בוך, איז וואָס ער זאָל ניט דערציילן דאָרטן בחיצוניות, אויסווייניק – דער אינעווייניק דאַרף זיין, אַז נאָך דערויף ווי דער לייענער וועט דורכליינען אַ **טייל** פון דעם בוך, על אחת כמה וכמה דעם **גאַנצן** בוך – דאַרף ער אַוועקגיין מיט דער איבערצייגונג, אַז ניט קוקנדיק, אַז ס׳איז דאָ נאַראָנים וואָס מיינען, אַז די וועלט איז אָן אַ באַלעבאָס, אָן אַ באַלעבאַטישקייט, ו״איש כל הישר בעיניו יעשה״, ווער ס׳איז שטאַרקער אָט דער וועט מנצח זיין –

איז דאָס מערניט ווי אויבן-אויפיק, אָבער סוף-כל-סוף איז מנצח צדק און יושר און טוב. און בהנוגע צו אידן איז מנצח אידישקייט.

און אָט דאָס וואָס ער טענה'ט, אַז ער פירט זיך ווי ס'דאַרף צו זיין, און ער גלויבט אין דעם אויבערשטן, און ער באַאיינפלוסט אָט די מיט וועלכע ער רעדט, אַז זיי זאָלן אויך גלויבן – תבוא עליו ברכה, האָט ער מציל געווען אַ סך מענטשן און אַ סך אידן,

דאָס איז אָבער אינגאַנצן ניט גענוג. אויב ער האָט חור און כרפס און תכלת און ביכער, און מער ווי איין בוך, און אין כמה שפראַכן, און דאָס ווערט פאַרקויפט בכמה מקומות – איז וואו נאָר ס'קומט-אָן דער בוך, דאַרף אין דעם בוך זיין אַריינגעשטעלט אַ מסקנה, אַז נאָך דערויף ווי מ'וועט דורכליינען דעם בוך וועט ניט בלייבן קיין ספק באַ דעם ליינער, אַז ס'איז דאָ אַן אויבערשטער וואָס ער פירט-אָן מיט דער וועלט, און ער גיט אַכטונג אויף יעדער מענטשן און אויף יעדער אידן וואָס מיט אים טוט זיך,

און דעם אויבערשטן איז נוגע, צי אָט דער איד לייגט תפילין, און צי אָט דער איד פירט זיך ווי אַ איד דאַרף זיך פירן.

און אָט דעמאָלט, אַז דער ערשטער בוך גייט אַזוי – איז ער מצליח אין אַ צווייטן, און אין אַ דריטן, ביז וואַנענט אַז ס'ווערט "כטוב לב המלך ביין", אַז אים ווערט גוט אויפן האַרצן מיט אַן אמת'ער גוטסקייט,

און אָט דעמאָלט גייט ער "מחיל אל חיל", אין אַ ווייטערדיקע אַ טיפערע השפעה, און אין אַן אופן פון "מעלין בקודש" – אַלץ מערער און אַלץ ברייטער און אַלץ טיפער.

וכאמור, אָט דאָס איז איינע פון די ערקלערונגען, ווי אַלע ענינים אין תורה איז אין-סוף צו תורה, איז אין-סוף צו די פירושים און די רמזים פון תורה;

איינע פון די ערקלערונגען וואָס מ'נעמט אַרויס פון דער גענויער באַשרייבונג מיט אַלע פרטים, ווי אַזוי אחשורוש האָט געהייסן פראַוועט אַ משתה **הונדערט אַכציק טעג נאָכאַנאַנד**, און האָט געהייסן מאַכן אָט דעם משתה מיט דער גרעסטער רייכקייט, מיטן גרעסטן שטורעם,

און ערשט נאָכדעם האָט געקענט ערשט זיין "כטוב לב המלך ביין"; ערשט נאָך דעם איז אים געוואָרן גוט אויפן האַרצן.

וכאמור, אָט דאָס וואָס מ'דערציילט דאָס, אַז מה-דאָך דאָס איז באַ ניט-קיין-אידן – על אחת כמה וכמה, אַז דאָס דאַרף אַזוי זיין ביי אַ אידן ווען ער גייט דורכפירן דעם אויבערשטנ'ס אַ שליחות:

אין יעדער זאַך וואָס אַ איד טוט, איז דער תכלית בזה, אַז ער זאָל זיין אַ שליח פון דעם אויבערשטן, בלשון הידוע "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים": אומעטום וואו ס'קען דערגרייכן זיין השפעה און זיין ווירקונג, זאָל דאָרטן דערגרייכט ווערן די ידיעה – דער וויסן – אַז ס'איז דאָ אַן אויבערשטער, וואָס ער פירט-אָן מיט דער וועלט מיט אַלע אירע פרטים, און אים איז נוגע די אויפפירונג פון יעדער מענטשן און פון יעדער אידן בפרט,

און דורך דערויף ווערט דער שרייבער, און דער מדרך רוחני, און דער וואָס מאַכט די צוויי מיליאָן דאָלער – ניט ווייניקער – אויף חינוך הכשר, וואָרום ער **קען** דאָס שאַפן, און דער וואָס דאַרף שאַפן אַ מיליאָן מאַכט דעם מיליאָן וכו' – שטעלן זיי אַלע צוזאַמען, ווי גערעדט פריער, די "גילדענע קייט" פון "ישנו עם אחד",

און מ'גייט "מחיל אל חיל", ביז וואַנענט אַז "שמעו הולך בכל המדינות": אין אַלע מדינות **דערהערט** מען וועגן אים און **מ'דערוויסט** זיך וועגן אים און **מ'באַרימט** זיך מיט אים,

און דאָס ווערט געטאָן אין אַן אופן פון "אורה שמחה וששון ויקר".

לחיים.

* * *

**ז.** אויף די ענינים וואָס מ'האָט פריער גערעדט, ובפרט אויף דעם **לעצטן** ענין, אַז ס'דאַרף זיין "לפום גמלא שיחנא", אַז יעדער איד דאַרף טאָן אַלץ וואָס ער קען, און נאָך **מערער** וויפל ער קען,

ווארום ער גייט מיט אַ שליחות פון דעם אויבערשטן אויף פאַרשפרייטן אידישקייט און גוטסקייט וואו נאָר ער קען דערגרייכן, און מיט דער טענה, אַז דאָס איז אַ שליחות פון דעם אויבערשטן -

איז דאָ אויף דערויף פון די טענות וואָס מ'ענטפערט, אַז ווי אַזוי קען מען דאָס ביי אים מאָנען – אַז ס'איז אין מיטן געווען אַ הפסק?! אָדער ביי אים אַליין איז געווען אַמאָל וואָס ער האָט געהאַט אַ **שייכות** צו די ענינים, דערנאָך איז געוואָרן אַ הפסק, אַן איבעררייס, און ס'איז דאָך שווער איבערבייטן די געוואוינהייט פון אַ משך זמן, אויף צוריק אומקערן זיך; "זרוק חוטרא לאוירא אעיקרא קאי" – צו זיין עיקר און צו זיין שורש און צו זיין אָפּשטאַמונג.

דערנאָך איז דאָך נאָך אַ גרעסערע טענה:

אָט די וואָס האָבן ניט זוכה געווען געבאָרן ווערן באַ פרומע עלטערן, וואָס צו זיי איז די טענה, די פאָדערונג, ווי געזאָגט פריער, אַז יעדער איד איז אין אַ "מיטן", ווארום זיין עלטער-עלטער זיידע איז געשטאַנען ביים באַרג סיני, און האָט געזאָגט פאַר זיך – און האָט דערביי זיין נשמה, פון דעם אור-אור אייניקל וואָס האָט געזאָגט "נעשה ונשמע", אַז ער וועט טאָן אַלץ וואָס דער אויבערשטער וועט אים שיקן צו טאָן,

טענה'ט ער אָבער, אַז פון דעמאָלט איז דורכגעגאַנגען אַזויפיל דורות, און זיין נשמה האָט אפילו באַ די עלטערן אויך ניט געזען אָט די אויפפירונג פון טאָן מיט מסירת-נפש, פון טאָן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט אַלע מעגלעכקייטן און מיט אַלע כשרונות אויף פאַרשפרייטן אידישקייט און גוטסקייט לכל מקום שידו מגעת, וואו נאָר ער קען דערגרייכן, און טאָן אין דער גרעסטער מאָס וואָס ער קען אין דערויף אויפטאָן, און נאָך מערער – "בכל מאודך".

און אין דערויף איז אויך דאָ אַן אָפּלערנונג פון דער מגילה, וואָס מ'קען דאָס אויך צוזאַמענשטעלן – כרגיל אין די לעצטע התוועדות'ן פון די לעצטע פאָר יאָר פון מפרש זיין אַ פירוש רש"י – אויך אַ רש"י אין דער מגילה. וואָס איז לכאורה ניט פאַרשטאַנדיק, און דערנאָך זעט מען ווי אַזוי רש"י האָט דאָס באַוואָרנט, אַז ער מוז אַזוי לערנען דאָס.

און אָט דאָס איז – גלייך ביים **אָנהויבס** פון דער מגילה אַ רש"י, און צוזאַמען און פאַרבונדן מיט אַ רש"י אין דעם **לעצטן** פסוק פון דער מגילה.

וואָס גלייך ביי דעם אָנהויבס פון דער מגילה איז דאָך דער לשון "ויהי בימי אחשורוש, הוא אחשורוש המולך מהודו ועד כוש, שבע ועשרים ומאה מדינה".

וואָס דער פירוש הפשוט אין דעם איז: "ויהי בימי אחשורוש" – ס'איז געווען אין די צייטן פון אחשורוש'ן, און דערנאָך, אַזוי ווי סקען זיין אַז ס'איז געווען עטלעכע אחשורוש'ן אָדער מ'ווייס נאָך ניט די גרויסקייט פון אחשורוש'ן – זאָגט דער פסוק, אַז דאָס איז אָט דער אחשורוש וואָס (האָט) [איז] געווען אַ מלך איבער הונדערט זיבן און צוואַנציק מדינות, איבער דער גאַנצער וועלט.

וואָס דאָס איז דער פירוש הפשוט אין פסוק, על דרך הפשט.

שטעלט זיך רש"י אויף "אחשורוש הוא אחשורוש", און זאָגט רש"י, אַז ניט דער "הוא אחשורוש" גייט דער "אחשורוש" אויף אַראָפּ: "אחשורוש המולך" על שבע ועשרים ומאה מדינה; אָט דעמאָלט וואָלט געקענט שטיין קירצער: "ויהי בימי אחשורוש המולך" על שבע ועשרים ומאה מדינה,

נאָר וואָס איז דער טייטש "אחשורוש הוא אחשורוש" – אַז דער צווייטער "אחשורוש" גייט גאָר אויף **אַרויף**, אַז דאָס איז דער זעלבער אחשורוש ווי ער איז געווען "בתחילתו" – אַזוי איז ער געווען "בסופו". די גאַנצע צייט פון זיין זיין איז ער געווען דער זעלבער "אחשורוש" מיט דער זעלבער הנהגה.

וואָס לכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק: וואָס דאַרף רש"י אַרויסנעמען דאָס פון פירוש הפשוט, אַז דער "אחשורוש" גייט אויף אַראָפּ, [און ווי מ'געפינט כמה פעמים אין חומש בהנוגע "הוא משה ואהרן" דערנאָך שטייט נאָך אַמאָל "הוא אהרן ומשה המדברים אל בני ישראל", ועל דרך זה געפינט מען בכמה וכמה מקומות], און טייטשן דאָ – דעם טייטש וואָס שטייט אין מדרש – אַז "אחשורוש הוא אחשורוש" אָן קיינע ענדערונגען.

איז דער ביאור בזה – מיט אַ צווייטער רש"י, די לעצטע רש"י פון מגילה, וואָס דאָרט איז אין פשוט אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק.

וואָס דאָרטן, אין לעצטן פסוק פון מגילה, שטייט, אַז נאָך דערויף ווי ס'איז בטל געוואָרן המן'ס גזירה איז דערנאָך איז געווען מרדכי איז געווען "משנה למלך אחשורוש ורצוי לרוב אחיו".

שטעלט זיך רש"י: פאַרוואָס עפּעס "לרוב"; ס'האָט דאָך געקענט שטיין סתם "ורצוי לאחיו"? אַזיוויי ווי ער זאָגט דערנאָך סתם "זרעו", "ודובר שלום לעמו" וכו'; וואָס איז דאָ "לרוב"?

זאָגט רש"י, אַז דערפון פאַרשטייט מען, אַז דאָס איז געווען "לרוב" אָבער ניט צו אַלע. אַז ) אטייל פון "אחיו", וואָס דאָס זיינען, ער איז דאָך געווען אַ חבר אין סנהדרין, איז אַ טייל פון די סנהדרין "פרשו ממנו", איז ער באַ זיי ניט געווען "רצוי".

פאַרוואָס איז ער באַ זיי ניט געווען "רצוי"? – ברענגט רש"י אַראָפּ, כדי אפילו דער בן חמש למקרא זאָל אויך פאַרשטיין, אַז מרדכי האָט מציל געווען אידן פון דער גזירה, איז פאַרוואָס איז ער געוואָרן אויס "רצוי לרוב אחיו" דוקא ווען ער איז געוואָרן "משנה למלך אחשורוש"; וואָס איז דאָ דער חסרון?! זאָגט רש"י, אַז וויבאַלד ער האָט זיך פאַרנומען מיט עניני מלכות – במילא האָט ער ניט געקענט זיך פאַרנעמען מיטן לערנען ווי פריער, בתלמודו, איז וויבאַלד אַז ביי אים האָט געפעלט אין לימוד התורה בהתמדה ווי פריער – איז דערפאַר איז מקצת סנהדרין ניט געווען פון אים צופרידן.

אָט דאָ ווערט אָבער גלייך די שאלה אויף מרדכין:

מרדכי איז געווען איינער פון די סנהדרין, און האָט געוואוסט די גרויסקייט פון תורה, והא ראי', אַז פריער האָט ער געלערנט תורה ווי **אַלע** חברים פון סנהדרין, איז פאַרוואָס האָט ער טאַקע דערנאָך אָנגענומען די שטעלע פון "משנה למלך", וואָס דאָס האָט ביי אים צוגענומען די מעגלעכקייט פון לערנען תורה ווי ער האָט געלערנט פריער?

בשלמא **איידער** די גזירה איז בטל געוואָרן, האָט ער געדאַרפט זיין "בשער המלך" און האָט זיך געדאַרפט עוסק-זיין אין מבטל זיין די גזירה; וויבאַלד אַז דער פסוק אַליין זאָגט, אַז ער איז שוין געווען "משנה למלך אחשורוש", על אחת כמה וכמה, אַז ס'איז ניט געווען קיין שיור ורושם פון דער גזירת המן, ווי די מגילה דערציילט פריער באריכה, אַז "נפל פחד היהודים **עליהם**" –

ווערט דאָך אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק, ווי קומט עס אַז מרדכי האָט זיך פאַרנומען מיט אַ שטעלע, – אמת טאַקע אַ **גרויסע** שטעלע, "משנה למלך אחשורוש", אָבער דער מרדכי, וואָס ער איז געווען דער גרעסטער אין די סנהדרין – האָט דאָס אים ניט געקענט אָפּרייסן פון לימוד התורה כדי ער זאָל האָבן די גרעסטע שטעלע וואָס ס'קען זיין, ביז "משנה למלך אחשורוש".

אָט דערפאַר – זאָגט רש"י – דערפאַר מוז מען מפרש זיין אין תחילת המגילה, אַז אף על פי וואָס גזירת המן איז בטל געוואָרן, און אחשורוש האָט אָפּגעגעבן די טבעת [פון] המן'ען צו מרדכי, און האָט אים געמאַכט "על בית המן", און האָט אים געמאַכט פאַר אַ "משנה למלך", איז ניט דער פירוש, אַז אחשורוש האָט זיך געביטן;

ווען אחשורוש וואָלט זיך געביטן, וואָלט מרדכי געקענט אַוועקגיין צוריק אין סנהדרין, און זעצן זיך לערנען מיט סנהדרין;

מרדכי האָט געזען "אחשורוש הוא אחשורוש"! "מתחילתו ועד סופו" איז דאָס דער זעלבער אחשורוש: ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט – האָט ער געמוזט אָפּגעבן די טבעת מרדכין; קיין ברירה ניט געהאַט – האָט ער געמוזט זאָגן "כתבו ליהודים כטוב בעיניכם", אָבער ער האָט געזען, וואָס טוט זיך מיט אחשורוש'ן?! – אַז דאָס איז דער זעלבער אחשורוש וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט המן'ען,

ווי ער זאָגט אין מדרש, אַז אחשורוש האָט געוואָלט פטור ווערן פון די אידן פונקט ווי המן האָט געוואָלט פטור ווערן!

און ווי ס'שטייט אויך בפשטות אין דער מגילה, ניט אַז המן האָט עפּעס געדאַרפט טאָן געוואַלדיקע ענינים אויף פועלן ביי אחשורוש'ן – ער האָט אים געגעבן אַ פּאָר דאָלער, האָט ער גלייך מסכים געווען!

און האָט דאָס ניט געטאָן צוליב די געלט פון די אידן –

אין שפּאַניע, בשעת מ'האָט געמאַכט אַ גזירה אויף אידן, האָט מען געוואָלט צונעמען זייערע געלט,

האָט מרדכי געזען: ניין, אחשורוש זאָגט "ושללם לבוז" – ער וועט פון די געלט קיין הנאה ניט

האָבן. און אף על פי כן, אַבי באַפרייט ווערן פון די אידן.

און האָט געזען, אַז ער האָט מבטל געווען די גזירה און האָט אים געמאַכט פאַר אַ משנה למלך – געדענקט מרדכי "אחשורוש הוא אחשורוש"! "מתחילתו ועד סופו", און טאָמער היט מען אים ניט אים זאָל אימיצער ניט איבעררעדן דעם "מלך טיפש" – איז רעכט, אַז מאָרגן אינדערפרי ווערט ווייטער אַ גזירה! האָט מרדכי קיין ברירה ניט געהאַט.

און דערפאַר איז רוב סנהדרין (זיינען) [האָבן] געהאַלטן מיט מרדכי, אָבער "מקצת סנהדרין" האָבן דאָס ניט געטאָן.

וואָס דערפאַר איז מכריח, וויבאַלד אַז אין פסוק שטייט "ורצוי לרוב אחיו", מוז מען דאָך זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַן ענין וואָס "מקצת סנהדרין" זיינען דערפון געווען ניט צופרידן, מוז מען דאָך זאָגן, אַז ס'איז געווען עפּעס אַ טעם באַ מרדכי'ן, אַז אף על פי כן זאָל ער אָננעמען די שטעלע ביי אחשורוש'ן;

וואָס פאַרא טעם קען זיין, אַז ס'איז בטל געוואָרן די גזירה און "נפל פחד היהודים עליהם ורבים מעמי הארץ מתייהדים"?

אָט דערפאַר זוכט רש"י אין דער מגילה: וואו איז דאָס די מגילה מבאר? – האָט דאָס רש"י געפונען גלייך ביים אָנהויבס, אַז מ'זאָגט "ויהי בימי אחשורוש", זאָגט מען, אַז די גאַנצע צייט פון די טעג וואָס אחשורוש איז געווען אַ קיסר – איז געווען "אחשורוש הוא אחשורוש" "מתחילתו ועד סופו".

וואָס אָט דאָס לערנט אונז די מגילה בהנוגע צו אַ אידן:

על דרך ווי גערעדט פריער: מה-דאָך אחשורוש וואָס האָט געוואָלט מאַכן אַ משתה צוליב זיין אייגענעם כבוד, האָט ער ניט געמאַכט אַ משתה וואָס זאָל זיין גרעסער פון דעם אַפּעטיט פון די איינגעלאַדענע, נאָר אַ משתה לויט זיין פאַרנעם און זיינע מעגלעכקייטן –

על דרך זה אויך: מה-דאָך בהנוגע צו אחשורוש'ן זאָגט מען, אַז ער איז "מתחילתו ועד סופו" דער זעלבער –

אָט דאָס לערנט מען אַ אידן, אַז אַ איד זאָלן וויסן, אַז "מתחילתו ועד סופו" איז ער דער זעלבער:

ס'קען זיין, אַז אין מיטן מישט זיך אַריין דער יצר-הרע, אַ "מלך זקן וכסיל", און מאַכט עפּעס אַ בלבול מיט אַ טומל, און כאַפּט אַריין אַ שוואַכע מינוט וכו' וכו', און איז מסית ומדיח, אַז מ'זאָל אַ ווילע זיך ניט פירן ווי מ'האָט זיך געדאַרפט פירן,

אָבער זאָגן, אַז דערפאַר האָט ער חס ושלום אָנגעוואָרן זיין שטאַרקייט? – הויבט זיך ניט אָן! מה-דאָך אַז **אחשורוש** "הוא אחשורוש" "מתחילתו ועד סופו" – על אחת כמה וכמה, אַז דער איד וואָס **לייענט** די מגילה איז ער **זיכער** "מתחילתו ועד סופו":

איז ער געבאָרן געוואָרן באַ פרומע עלטערן, האָט ער געלערנט אין אַ פרומען חדר "קמ"ץ-אל"ף אָ" – איז דאָס **איינגעפונדעוועט** געוואָרן, אַז ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר איז ער "מתחילתו ועד סופו", "קמ"ץ-אל"ף-אָ", ווי דער רבי דער נשיא זאָגט אין אַ מאמר, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט "אנכי הוי' אלקיך" וואָס הויבט זיך אָן מיט קמ"ץ אל"ף אָ – דער אל"ף פון "אנכי הוי' אלקיך.

אפילו אָט דער וואָס מאיזו סיבה שתהי' איז זיין נשמה געבאָרן געוואָרן, אַראָפּגעקומען אין אַ גוף, ביי אַזוינע עלטערן וואָס זיי זיינען שוין אויך פאַרבלאָנדזשעט – אָבער זיין עלטער-זיידע און זיין נשמה איז געווען דער "תחילתו" איז געשטאַנען ביים באַרג סיני און האָט געזאָגט בלבב שלם "נעשה ונשמע"!

און דאָס האָט מען אַריינגעגעבן אין אים אָט די קבלת-התורה, ווי מ'זאָגט אין דער מגילה "קיימו וקיבלו" – "קיימו מה שקיבלו כבר", אַז אין פורים ווערט דאָס נאָכאַמאָל באַנייט און פאַרשטאַרקט אָט דער "נעשה ונשמע", [ביז אין אַן אופן, אַז ס'איז ניטאָ קיין "מודעא לאורייתא"], אַז ס'וועט זיין דער "נעשה ונשמע" עד סוף כל הדורות און באַ יעדער אידן עד סוף כל ימיו, און דאָס ווערט אים אָנקומען אין אַן אופן פון "אורה שמחה וששון ויקר".

דערביי איז אויך בתור מאמר המוסגר: וויבאַלד אַז מ'רעדט שוין וועגן דעם פסוק – איז דאָך

דאָ אויך די שני ענינים וואָס מ'דאַרף באַוואָרענען:

דער ענין וואָס די מגילה איז מדגיש "ושללם לבוז" איז, ווי געדעדט שבת, כדי צו באַווייזן דער חילוק: באַ ניט-אידן איז דער עיקר ענין "ושללם לבוז"; ביי אידן איז דער עיקר ענין "נקהלו ועמוד על נפשם", וואָס וואָס איז די "נפשם"? "**היהודים** נקהלו ועמוד על נפשם", במילא איז "בביזה לא שלחו את ידם" – זיי האָבן קיין גאַנצע שייכות ניט; דאָס פאַרנעמט באַ זיי ניט קיין אָרט.

וואָס דאָס איז אין דרך **הפשט**. דערביי איז אָבער אויך דאָ נאָך אַ געשמאַקער ענין אין **הלכה**:

דער דין איז, אַז "הרוגי מלכות" איז נכסיהם למלכות. אַז מ'וואָלט ניט געשריבן אין דער גזירה "ושללם לבוז", איז ניט דער פשט אַז מ'ווייס ניט וואָס ס'דאַרף זיין – דעמאָלט דאַרף דאָס זיין נכסיהם למלכות.

וואָס איז דאָס די נפקא מינה צו דער גזירה?

בשעת מ'האָט געזאָגט די "עמי הארץ", די גויים, הערט זיך איין: "להשמיד להרוג ולאבד את היהודים", און איר וועט נאָך האָבן די געלט אויך – האָבן זיי טאַקע געטאָן דאָס געשמאַקער. אַז מ'וואָלט ניט געשריבן "ושללם לבוז", וואָלט דאָך באַ זיי מערניט ווי אויסגעקומען, אַז מ'זאָל הרג'ענען אידן, און די געלט וועט צונעמען אחשורוש – זאת לא! וואָלט געווען אַ סך גויים וואָס וואָלטן זיך געפוילט; וואָלטן אפשר ד*&אס גאָרניט געטאָן אויך.

אָט דערפאַר איז מען מדגיש אין "ועל הניסים" דער גודל הגזירה, אַז "בימי מרדכי ואסתר" איז עמד?! המן הרשע, האָט ער באַוואָרנט אַז ער זאָל האָבן אָט די וואָס וועלן אים אַרויסהעלפן, האָט דאָך דאָס געמוזט גיין דורך אַנדערע פעלקער, דורך אַנדערע מענטשן – האָט ער געטאָן אַלע ענינים, אַז זיי זאָלן טאָן ווי ער וויל, וואָס דערפאַר האָט ער געמוזט מוסיף זיין – און מ'איז דאָס מדגיש אין "ועל הניסים" – אַז ער האָט מודיע געווען, אַז ס'וועט זיין דער "ושללם לבוז".

און ווי מ'האָט דאָס געזען רחמנא ליצלן אין די גזירות ושמדות פון אונזער דור, אַז דאָס וואָס ס'איז געווען "ושללם לבוז" האָט דאָס מכשיל געווען אפילו אַזוינע גויים וואָס זיינען כל ימיהם געווען באַפריינדעט מיט די אידן אין דייטשלאַנד צי אין פוילן צי אין ליטע וכיוצא בזה; בשעת זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז ס'וועט זיין "ושללם לבוז" – האָבן זיי פאַרגעסן אויף כל הענינים, אַבי צו ממלא זיין דעם רצון פון "המן" פון דעם דור!

און אויך בתור מאמר המוסגר איז אויך דער כאן המקום לבאר פאַרוואָס ס'איז טאַקע באַשטאַנען – ממה נפשך: אויב מרדכי האָט געטאָן ניט ווי ס'דאַרף צו זיין, איז פאַרוואָס איז ער געווען "רצוי **לרוב** אחיו"?! אויב ער האָט געטאָן **יאָ** ווי ס'דאַרף צו זיין וואָס ער איז געוואָרן דער "משנה למלך אחשורוש" – איז פאַרוואָס איז "מקצת סנהדרין פרשו ממנו"?!

איז דאָך אַ סימן, אַז ס'ען זיין אין תורה צוויי שיטות אין דעם. וואו געפינעט מען אין דערויף די צוויי שיטות?

איז דאָס אַ פלוגתא צווישן בבלי און ירושלמי.

וואָס אין מסכתא ברכות ברענגט מען בהנוגע צו "חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת ומתפללים שעה ושוהים שעה אחת" – יעדער תפילה האָט באַ זיי פאַרנומען דריי שעה. אַזוי ווי ס'איז דאָך דאָ דריי תפילות ביום, שחרית מנחה און ערבית – איז ניין שעה אַ טאָג איז באַ זיי אַוועקגעגאַנגען אויף עבודת התפילה.

פרעגט די גמרא: וויבאַלד אַז תפילה נעמט באַ זיי אָפּ ניין שעה – "תורתן מתי נעשית" און "מלאכתן מתי נעשית"; ווען האָבן זיי געהאַט צייט אויף לערנען תורה, און ווען האָבן זיי געהאַט צייט אויף טאָן מלאכה כדי צו האָבן די פרנסה?

ענטפערט די גמרא, "מתוך שחסידים הם": וויבאַלד אַז זיי האָבן זיך עוסק געווען אין עניני חסידות, אריכות התפילה וכו' – דערפאַר האָבן זיי געהאַט די ברכה פון דעם אויבערשטן [אַז] "תורתם משתמרת" און "מלאכתן מתברכת" – אַזוי זאָגט די גמרא אין ברכות, אַז בזכות וואָס זיי זיינען געווען חסידים – איז דערפאַר האָבן זיי ניט פאַרגעסן אָט דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט, "משתמרת", האָט זיך אָפּגעהיט, אף על פי וואָס זיי האָבן ניט געהאַט גענוג צייט אויף איבער'חזר'ן דאָס, "ומלאכתן מתברכת", וואָס דערפאַר אין אַ ביסל מלאכה – האָבן זיי געהאַט אַ סך ברכה.

וואָס ווייס מען דערפון? – אַז דער דין איז, אַז אויב אפילו מ'איז "חסידים הם", מ'טוט זאַכן וואָס זיי זיינען אין אַן אופן של חסידות, איז אויף מלאכה העלפט דאָס, אַז ס'זאָל זיין "**מתברכת**", אַז ס'זאָל צוקומען שלא בדרך הטבע; בנוגע אָבער צו תורה שטייט ניט "תורתם **מתברכת**"; ס'שטייט "תורתם **משתמרת**": אָט דאָס וואָס ער ווייס – פאַרגעסט ער ניט.

במילא, אַז ס'איז געקומען צו מרדכי'ן און ער איז געוואָרן דער משנה למלך און האָט זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט עיסקי המלכות אויף באַוואָרענען פון דער גזירה – ווערט דאָך די שאלה "תורתם מתי נלמדת ומלאכתן מתי נעשית"? איז לויטן בבלי, איז אין מלאכה האָט אים ניט געפעלט, "מלאכתם מתברכת"; בהנוגע אָבער צו תורה איז אים ניט צוגעקומען, מערניט וואָס "**משתמרת**". איז "פרשו ממנו מקצת סנהדרין".

די זעלבע משנה און די זעלבע קשיא איז דאָ אין ירושלמי. אין ירושלמי שטייט אָבער אַן אַנדער לשון אויף דעם תירוץ: "מתוך שחסידים הם **ברכה** ניתנה בתורתם וברכה ניתנה במלאכתם". דאָס הייסט, אַז ניט נאָר ער **פאַרגעסט ניט** די תורה; אים **קומט נאָך צו** תורה!

און ווי רש"י ברענגט דאָרטן, אַז "במעט עיון", אַז ניט ער דאַרף האָרעווען און ס'ווערט ביי אים אַ קשיא מיט אַ שאלה מיט אַ "ורמינהו" ביז וואַנענט ער קומט-צו צו דעם אמת, דאַרף ער דאָך האָבן אויף דערויף אַ ריבוי צייט – נאָר גלייך ווי ער הויבט אָן לערנען פאַלט ער גלייך אויף דער ריכטיקער סברא.

במילא, לויט אָט די סנהדרין וואָס האָבן געהאַלטן לויטן ירושלמי – איז געווען "תורתו מתברכת", האָט מרדכי געהאַטביידע זאַכן: ער האָט געהאַט אי תורה אי חסידות.

על פי זה איז אויך פאַרשטאַנדיק, פאַרוואָס איז דאָס [אַ פלוגתא צווישן] דער בבלי און ירושלמי:

דער חילוק פון בבלי און ירושלמי דער אופן הלימוד איז:

אופן הלימוד אין בבלי – כמבואר בארוכה אין שערי אורה פון מיטעלן רבי'ן – איז געווען אין אַן אופן פון קשיות ורמינהו'ס וכו'. ווי מ'זעט דאָס **בפשטות** אין תלמוד בבלי, און ווי די גמרא זאָגט "במחשכים הושיבני זה תלמוד בבלי", אַז בשעת מ'הויבט אָן לערנען גייט מען אין דער פינצטער, און מ'דאַרף זיך טראַכטן און פרעגן קשיות און פאַנאַנדערקלייבן זיך ביז וואַנענט מ'געפינט דעם אמת'ן פשט. דאָס איז תלמוד בבלי.

תלמוד ירושלמי איז דאָס ניט "במחשכים". ס'איז גלייך ווי ער גייט-צו – גייט ער צו און געפינט גלייך די ריכטיקע סברא.

און ווי גערעדט אַמאָל בארוכה דער חילוק פון תשובות האחרונים און תשובות הראשונים:

באַ תשובות הראשונים געפינט מען איז עטלעכע שורות. תשובות הרמב"ם וכו' וכו'. ווערט געבראַכט די שאלה, און דערנאָך שטייט גלייך דער ענטפער, און דערנאָך איז חתמ'עט ער "ואמר משה", און דערמיט איז פאַרענדיקט די תשובה. אַז ס'קומט צו תשובה פון אחרונים, [מ'רעדט פון אחרונים פון גדולי ישראל], איז אַ גאַנצע אריכות, מיט אַ שקלא-וטריא הין און צוריק.

און ווי גערעדט אַמאָל בארוכה – די נפקא מינה איז: באַ ראשונים, וואָס זיי זיינען געווען "כמלאכים", איז אַלץ געווען ליכטיק, בשעת מ'געפינט זיך אין אַ ליכטיקן צימער און מ'זוכט עפעס אין דעם צימער – זעט ער דאָס גלייך, און גייט-צו און נעמט דאָס, און ווייס אַז דאָס איז אַ פענסטער און דאָס איז אַ טיר און דאָס איז אַ טיש וכו';

בשעת אין צימער איז ניט ליכטיק, ס'איז "**במחשכים** הושיבני" – אָט דעמאָלט דאַרף ער **טאַפּן**: זעט ער אַז ס'איז אַ לאָך – ווייס ער ניט צי דאָס איז אַ פענסטער, צי דאָס איז אַ טיר, צי דאָס איז אַ טיר אין בופעט; ער ווייס ניט וואָס דאָס איז. דאַרף ער פּרוּווען פון דער זייט און פון יענער זייט, ביז וואַנענט ער קומט לידי החלטה, אַז ס'איז ניט קיין פענסטער און ס'איז ניט קיין טיר, נאָר ס'שטייט אַ גרויסער טאָפּ און דאָס איז אַן אָפּענעם טאָפּ. במילא גייט ער אַוועק ווייטער זוכן, ביז וואַנענט ער קומט צו דעם אמת.

וואָס דערפאַר איז אין ירושלמי, וואָס זיי זיינען געווען געוואוינט צו דעם אופן הלימוד אַז במעט עיון ווייס מען שוין דעם שכל – אָט דערפאַר, באַ די חסידים פון שיטת הירושלמי איז תורתם ניט נאָר "משתמרת" נאָר אויך "**מתברכת**".

וואָס דערפאַר איז מרדכי, "אשר הגלה **מירושלים**", וואָס ער איז געווען פון דער שיטה – ער איז געגאַנגען מיט דער שיטה, אַז "תורתם **מתברכת**".

אין סנהדרין איז דאָך געווען על דרך ווי "הלל הבבלי עלה מבבל", על דרך זה איז אויך געווען בימי מרדכי אויך אַזוינע וואָס ס'איז געווען מסתמא מכל הארצות, איז דערפאַר איז "מקצת סנהדרין פרשו ממנו", דערפאַר וואָס זיי זיינען געגאַנגען מיטן אופן הלימוד פון בבלי, איז באַ זיי איז געווען מערניט ווי "תורתם **משתמרת**", איז דערפאַר איז "פרשו ממנו".

וואָס עד כאן איז דער מאמר המוסגר.

בהנוגע לעניננו, ווי גערעדט פריער, אַז גלייך ווי מ'הויבט אָן לערנען די מגילה, זאָגט די מגילה "ויהי בימי אחשורוש":

וואָס פאַראַ צייט ס'זאָל ניט זיין, ס'מעג זיין די שווערסטע צייט, על דרך ווי אחשורוש, "השחיר פניהם של שונאי ישראל כשולי קדירה", ווי ער זאָגט אין מדרש, אַ "מלך קשה" – זאָל מען וויסן זיין, אַז אויב אַ מענטש וויל מיט אַן אמת, איז דעמאָלט "אחשורוש הוא אחשורוש", קען ער ניט נתפעל ווערן, ניט נאָר ניט נתפעל ווערן פאַר דער **וועלט**; אפילו ניט נתפעל ווערן פאַר זיין **אייגענעם עבר**, ווי ער האָט זיך געפירט נעכן און אייער-נעכטן און מיט אַ יאָר פריער.

וואָרום וויבאַלד אַז ס'איז דאָ ביי אים אַ "**תחילה**" – איז וועט ער נאָר וועלן **באמת**, וועט דאָס זיין "מתחילתו ועד סופו", "אחשורוש הוא אחשורוש".

על אחת כמה וכמה ווי גערעדט פריער בהנוגע צו אַ אידן, וואָס באַ יעדער אידן איז דאָך "נפש השנית בישראל" איז "חלק אלוקה ממעל ממש", וואָס באַ דעם אויבערשטן איז ניט שייך קיינע שינויים, על דרך זה איז ניטאָ קיינע שינויים, "אני הוי' לא שניתי", פועל'ט דאָס אויך ביי אַ נשמה פון אַ אידן, אַז "אפילו בשעת החטא היתה באמנה אתו",

וואָס דערפאַר, איז וואָס פאַראַ איד ס'זאָל ניט זיין און ווי ס'זאָל ביי אים ניט זיין מיט אַ האַלבע שעה פריער, מיט אַ מינוט פריער – איז ער פולער באַלעבאָס אויף זיך, אַז ס'זאָל זיין "אעיקרי' קאי", ער זאָל זיך אומקערן צו זיין עיקר און שורש ומקור, וואָס דאָס איז ווי ער איז געשטאַנען ביים באַרג סיני – זיין נשמה אַליין – און האָט דאָרט געזאָגט "נעשה ונשמע",

און דאָס נעמט ער אַראָפּ דערנאָך אין דער נשמה, אין דעם גוף, אין דעם זמן און אין דעם מקום, און איז לומד תורה ומקיים מצוות, כולל דער "ואהבת לרעך כמוך" – פאַרשפרייטן אידישקייט צו יעדער אידן צו וועלכן ער קען דערגרייכן, און טאָן דאָס בשמחה ובטוב לבב,

און דאָס ברענגט אַראָפּ "מאיר עיני שניהם הוי'", אַז ביידע האָבן "אורה ושמחה וששון ויקר". לחיים.

ניגנו ניגון שמחה (הניגון "ויהי בימי אחשורוש"), כשכ"ק אד"ש מעודד מאוד את השירה, ובהמשך רמז לשרוק.

* * *

**ח.** פונקט אַזוי ווי מ'קען אָפּלערנען כמה לימודים ופרטים פון די **פרטים** פון דער מגילה;

וויבאַלד אַז דאָס איז אַן ענין **כללי**, און וויבאַלד אַז "ר' מאיר דריש בשמא", און וויבאַלד אַז – ווי דער אַלטער רבי ברענגט אַראָפּ אין שער היחוד והאמונה בתחילתו, פון כתבי האריז"ל – "שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש" אָט דאָס איז דער קיום און חיות, דער נאָמען ווי דאָס ווערט גערופן בלשון הקודש,

אָדער ווי תורת הבעל שם טוב, אַז "דברך הוי' נצב בשמים", אַז דער דבר הוי', די אותיות – וואָס דאָס איז דער נאָמען זיינער על פי תורה – אָדער די חילופין, איז דאָס איז "נצב בשמים", דאָס באַשאַפט און האַלט-אויף די זאַך,

אָדער ווי תורת המגיד "כל אשר יקרא לו האדם נפש חי' הוא שמו", טייטשט אָפּ דער מגיד, אַז דאָס וואָס מ'גיט אַ נאָמען – אָט דאָס איז זיין חיות, דער "חי'" איז דאָס "הוא שמו",

על אחת כמה וכמה פון די שמות פון כתבי קודש, וואָס די מגילה ווערט אָנגערופן בשם "מגילת

אסתר", און זי ווערט אַזוי אָנגערופן אין תורה שבעל-פה.

וואָס לכאורה, דער טעם הפשוט בזה איז, אַז זי ווערט אָנגערופן "מגילת אסתר" דערפאַר וואָס אסתר האָט געבעטן "כתבוני לדורות":

אַזוי איז געווען אַ שאלה צי מ'זאָל דאָס פאַרשרייבן, צי דאָס זאָל בלייבן בעל פה,

- על דרך ווי מ'געפינט באַ נס חנוכה איז דאָך אויך דאָ "מגילת אנטיכוס" וואָס ווערט געבראַכט אין ראשונים, אָבער אף על פי כן איז דאָך דאָס ניט אַריין אין "כתבי קודש", ניט אַריין אין תנ"ך; ס'איז געבליבן תורה שבעל-פה, דער גאַנצער סיפור, אויך מגילת אנטיכוס לויט די ראשונים וואָס ברענגען, אַז מ'פלעגט דאָס לייענען און לערנען וכו',

משא"כ מגילת אסתר האָט אסתר געפּועל'ט "**כתבוני** לדורות", אַז ניט נאָר דאָס זאָל בלייבן תורה שבעל-פה, נאָר דאָס זאָל ווערן אַ טייל פון תורה שבכתב – איינע פון די כ"ד כתבי הקודש.

וואָס דערפאַר, וויבאַלד אַז זי האָט דאָס געפּועל'ט, איז דערפאַר איז דאָס נקראת על שמה, "מגילת **אסתר**".

וויבאַלד אָבער אַז אין קדושה איז ניטאָ קיינע ענינים באקראי – איז דאָס גופא דאַרף דאָך האָבן אַ ביאור:

דער נס איז געווען דורך מרדכי ואסתר צוזאַמען, ווי די מגילה דערציילט דאָס בארוכה. ואדרבא, לויט כמה פסוקים פון דער מגילה "ואת מאמר מרדכי אסתר עושה", אַז אַלץ וואָס אסתר האָט געטאָן – האָט זי דאָס געטאָן דערפאַר וואָס מרדכי האָט איר אַזוי אָנגעזאָגט,

במילא האָט געהאַט אַן אָרט אַז דער נס זאָל גערופן ווערן על שם **מרדכי**, און **מרדכי** זאָל בעטן "כתבוני לדורות"; על כל פנים האָט דאָס געדאַרפט גערופן ווערן על שם שניהם: "מגילה מרדכי ואסתר", אָדער "מגילת אסתר ומרדכי", אָבער ניט מערניט ווי אויף אסתר'ס נאָמען אַליין !

און מ'זעעט, אַז אף על פי וואָס בשעת מ'לייענט די מגילה הויבט זיך אָן פריער דערציילן וועגן **מרדכי'ן**, און דערנאָך דערציילט מען, אַז מרדכי איז דאָס געווען דער וואָס האָט אויפגעהאָדעוועט **אסתר**, און וואָס האָט איר אָנגעוויזן אַלע ענינים ווי אַזוי זי דאַרף זיך פירן, ביז ווי אַזוי זי זאָל מבטל זיין גזירת המן,

און דערנאָך, אַז ס'קומט צו אַ נאָמען-צו-געבן די מגילה – גיט מען דאָס אַ נאָמען מערניט ווי על שם אסתר! און ווער בעט כתבוני לדורות? – מערניט ווי אסתר!

וואָס וואָס איז אין דערויף געווען די נפקא מינה פון מרדכי ביז אסתר?

אסתר האָט טאַקע געטאָן "את מאמר מרדכי אסתר עושה"; ווער האָט אָבער געטאָן דעם מעשה **בפועל** – האָט דאָס געטאָן **אסתר**.

זי האָט ניט געשטעלט אויף זיך; אַלץ וואָס זי האָט געטאָן איז זי געגאַנגען פרעגן. אָבער "המעשה הוא העיקר" – ווי די משנה זאָגט אין אבות – דער מעשה **בפועל**, די מסירת-נפש בפועל, גיין שטעלן זיך "בחצר בית המלך", וויסנדיק – ווי די מגילה דערציילט – אַז "כל עבדי המלך יודעים" אַז דער וואָס וועט קומען צוגיין "אשר לא נקרא" איז אָט דעמאָלט "אחת דתו", "ואני לא נקראתי לבוא אל המלך זה שלשים יום" – איז די מסירת-נפש בפועל, איז אמת טאַקע זי האָט געפרעגט פריער באַ מרדכי'ן; ווער האָט דאָס געטאָן **בפועל**? – האָט דאָס געטאָן **אסתר**! והמעשה הוא העיקר.

וואָס דערפון ווייס מען די צווייטע הוראה:

אַז בשעת ס'קומט צוגיין אַ איד און מ'זאָגט אים: טו אַ מעשה טוב – טענה'ט ער: ער דאַרף פריער קומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער **דאַרף** דאָס טאָן, וועט דעמאָלט זיין מעשה האָבן אַ געשמאַק, וואָרום ער **פאַרשטייט**, און ער איז **איבערצייגט**, און האָט אין דערויף אַ **געפיל**, איז אָט דעמאָלט האָט דאָס אַ טעם וואָס ער לייגט תפילין, מקיים מצוות, טוט אַלע גוטע זאַכן;

אַז מ'הייסט אים טאָן – ווי מ'רופט דאָס דאָ אָן – "מעכאַניש", דערפאַר וואָס אַ צווייטער **הייסט** אים, אַ צווייטער **נייט** אים, ער וויל טאָן אַ טובה אַ צווייטן; ער אַליין האָט אין דערויף קיין געפיל ניט – איז וואָס קומט אַרויס פון דער מעשה?!

ער איז דאָך אַ **בעל שכל**. – אַ מעשה קען טאָן אַ בהמה אויך, להבדיל; מ'וויל דאָך ער זאָל דאָס

טאָן דערפאַר וואָס ער איז אַ **מענטש**, דערפאַר וואָס ער איז אַ **איד**, דערפאַר וואָס ער האָט באַקומען די תורה, און דער אויבערשטער בעט ביי אים ער זאָל לערנען תורה און מקיים-זיין מצוות – און איצטער וויל מען ער זאָל טאָן די מעשה – להבדיל – מעשה בהמה: אָן קיין שכל, אָן קיין געפיל, אָן קיין געשמאַק, מערניט ווי די מעשה בפועל!

קומט צוגיין די מגילה און דערציילט, אַז מרדכי האָט געטאָן אַלץ וואָס ס'האָט געווענדעט זיך אָן אים, און האָט גערעדט מיט אסתר'ן שווערע ווערטער, ("את ובית אביך ומי יודע) "את ובית אביך תאבדו [ומי יודע]", כ'מיין מיט אַלע שווערסטע ווערטער וואָס ס'קען זיין, ביז וואַנענט "ויעבור מרדכי" און ער האָט געטאָן כל הענינים, און "לא יכרע ולא ישתחוה", [דאָס איז אויך געווען אַן ענין פון מסירת-נפש],

בשעת מ'דאַרף אָבער דערציילן ווי אַזוי ס'ווערט בטל אַ גזירה פון אידן – אָט דאָ פרעגט מען זיך נאָך: **ווער האָט געהאַט די מעשה בפועל!**

און אַז מ'זאָגט, אַז דאָס האָט געטאָן **אסתר** – פרעגט מען שוין ניט ווייטער, צי זי האָט דאָס געטאָן דערפאַר וואָס מרדכי האָט איר געהייסן צי ניט; אַבי זי האָט מבטל געווען די גזירה, האָט איר דער אויבערשטער געגעבן אָט דעם ענין און זי האָט מציל געווען דעם גאַנצן אידישן פאָלק וואָס געפינט זיך אין "שבע ועשרים ומאה מדינה".

ביז וואַנענט, אַז די גאַנצע מגילה ווערט אָנגערופן בשם "מגילת אסתר" **לדורי-דורות!**

און אָט דאָ קומט-צו נאָך אַן ענין – אָט דאָס אַליין דאַרף האָבן אַ ביאור: פאַרוואָס איז טאַקע האָט דאָס געטאָן בפועל (מרדכי, ניט אסתר) [אסתר, ניט מרדכי]?!

אמת טאַקע, אסתר איז געווען די מלכה בבית אחשורוש, און זי האָט געקענט מיט אים רעדן, אָבער "כמה דרכים למקום"; כ'מיין דער אויבערשטער האָט געקענט געפינען וועגן מבטל זיין די גזירה דורך **מרדכי'ן**:

מרדכי איז אויך געווען אַ מקורב מיט אחשורושין, און איז אויך געווען "בשער המלך", און האָט געהאַט דעם זכות – וואָס אסתר האָט **ניט** געהאַט – אַז ס'איז געווען די מעשה מיט "בגתנא ותרש": ווער האָט מציל געווען אחשורושין פון דער סכנת מיתה – האָט דאָס מציל געווען **מרדכי**, האָט ער געקענט געפינען אויך דר[כים] דורך **אים** זאָל זיך דאָס אויפטאָן.

איז דאָס גופא אַ הוכחה, אַז די מגילה איז מדגיש ווי אַזוי סוף-כל-סוף די הצלה פון אַ אידישער הויז, פון אַ אידישער משפחה – הענגט אָפּ אָן דער מסירות-נפש פון דער **פרוי**. וואָס פון משפחה שטעלט זיך צוזאַמען עם ישראל, ווי מ'זאָגט אין דער מגילה "משפחה ומשפחה" קומט דערנאָך אַרויס "כל היהודים אשר בכל מדינות המלך אחשורוש".

וואָס אָט דערפאַר האָט געזאָגט אסתר "כתבוני לדורות": זאָלן אידישע טעכטער וויסן אויף אַלע דורות וואָס פאַראַ **זכות** זיי האָבן און וואָס פאַר אַן **אחריות** זיי האָבן,

און זיי קענען ניט זאָגן, אַז וויבאַלד אַז דער מאַן איז אַ "מרדכי", און דער פאָטער איז אַ "מרדכי", און ער זיצט אין סנהדרין, האָט זי ניט קיין אחריות, זי דאַרף שוין גאָרנישט ניט טאָן; ער וועט אָפּטאָן פאַר איר –

זאָגט די מגילה: פונקט פאַרקערט! אויף מבטל זיין די גזירה בפועל, אַז ס'זאָל בלייבן דער קינד און די הויז אין אַן אופן פון "דתיהם שונות מכל עם ואת דתי המלך אינם עושים", דערפאַר וואָס דאָס איז אַן "עם אחד בארץ" – הענגט דאָס אָפּ אָן דערויף, אַז אסתר זאָל זיך פירן ווי מרדכי הייסט איר פירן זיך, אָבער **ווער** דאַרף פירן די ענינים בפועל? – דאַרף דאָס פירן **אסתר**.

און אסתר זאָגט, אַז דאָס איז ניט נאָר אַן ענין פאַר **איר** – דאָס איז די זעלבע הוראה איז דאָס אויף אַלע דורות:

אסתר איז ניט געווען פאַרקאָכט, אַז זי זאָל זיין אָט דאָס וואָס איצטער ווערט דאָס אָנגערופן "פיימאָס פערסאָן", אַז מ'זאָל געדענקען אַלע דורות, אַז זי האָט אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך;

אסתר האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל ווערן אַ חלק פון **תורה**, און – אַ חלק פון תורה **שבכתב**, וואָס דאָס דאַרפן לערנען נשים.

- בהנוגע צו תורה שבעל-פה איז דאָ גאַנצע חילוקי דיעות; תורה שבכתב איז לכל הדיעות. האָט

אסתר געוואָלט, אַז דער חלק התורה וואָס לכל הדיעות דאַרפן דאָס נשים לערנען, במילא ווערט דאָס פאַר זיי אַ הוראה – זאָלן זיי וויסן זיין, אַז בשעת ס'רעדט זיך וועגן אידישקייט איז דאַרף מען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן; "את מאמר מרדכי אסתר עושה" – מ'דאַרף ניט שטעלן אויף זיך, מ'דאַרף פרעגן ביים "סנהדרין", ביים רב, וואָס זאָגט דער שולחן ערוך,

אָבער פאַרלאָזן זיך אויפן רב, פאַרלאָזן זיך אויפן פאָטער, פאַרלאָזן זיך אויפן מאַן, פאַרלאָזן זיך אויפן עלטערן ברודער – זאָגט מען: ניין! דאָס איז "מגילת **אסתר**"!

און די מגילת אסתר איז געשריבן געוואָרן **לדורות**. אַז אַ אידישע פרוי, אַ אידישע טאָכטער, אַ אידישע מיידל, אַ אידישע מיידעלע וואָס ליגט נאָך אין דער וויג – דאַרף מען איר דערציילן אָדער איינשלעפערן איר מיט אַ לידעלע, אַז זי זאָל וויסן זיין, אַז "טוב סחרה מכל סחורה", תורה איז די טייערסטע סחורה, ווי דער וויג-ליד הידוע,

און דערציילן איר, אַז דאָס איז געווען אַ מעשה מיט אסתר המלכה, וואָס זי האָט געהאַט אַ פיינעם מחנך, אַ פיינעם מדריך, און האָט געוואוסט און געטאָן כל הענינים – און זי האָט זוכה געווען דורך איר מסירת-נפש זאָל בטל ווערן די גזירה מ"כל היהודים", און דערנאָך זאָל נמשך ווערן "אורה ושמחה וששון ויקר" לכל הדורות כולם – דערפאַר וואָס אידישע פרויען און אידישע טעכטער, ביז אידישע מיידעלעך וואָס ליגן נאָך אין די וויגן, ווערן איינגעוויגט מיט דער לידעלע, אַז דער ענין פון תורה און אידישקייט און מסירת-נפש און ניסים – דערמיט וואַקסן זיי אויס און ווערן דערנאָך "עקרת הבית", עקרת פון "משפחה ומשפחה",

און דערפון ווערט צוזאַמענגעשטעלט "עיר ועיר ומדינה ומדינה", אַז בשעת אידן געפינען זיך אין אַ מעמד ומצב פון "מפוזר ומפורד **בין** העמים" – זיינען זיי אויך אַן "עם **אחד**".

און אָט די אחדות מאַכט זיי שטאַרק אויף איבערקומען די לעצטע שוועריקייטן פון די לעצטע טעג פון גלות,

ובקרוב ממש, "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", גיין צוזאַמען גאַנצע משפחות, מיט קינדער און קינדס-קינדער, לקבל פני משיח צדקנו,

"ושמחת עולם על ראשם".

לחיים.

ניגנו ניגון שמחה, כשכ"ק אד"ש מעודד את הנגינה.

* * *

**ט.** צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה "איש יהודי וגו'".

* * *

**י.** [ווי גערעדט פריער] איז דאָך דער ענין פון פורים פאַרבונדן מיט שמחה,

עד כדי כך, אַז מ'זאָגט, אַז "נהפוך הוא", אַז כל החודש איז "משנכנס אדר מרבין בשמחה", אַז ניט נאָר אַז דאָס איז אַ **פרייעלכער** חודש, נאָר מ'איז נאָך "**מרבין** בשמחה", מערער ווי על דרך הרגיל בשמחה,

על אחת כמה וכמה אין ימי הפורים, וואָס דעמאָלט איז דאָך "חייב אינש לבסומי בפוריא עד דלא ידע".

וואָס דערפאַר קומט אַ יישר-כוח מיוחד פאַר די אידן וואָס האָבן געטאָן אויף משמח זיין אידן בשמחת פורים מעבר לים, און אויך אָט די וואָס האָבן געטאָן אין דעם דאָ, אין **דער** מדינה,

ובמיוחד אָט די וואָס זיינען געפאָרן אין סיני און אין צפון און די אַלע ערטער אויף משמח-זיין את בני ישראל וואָס זיי זיינען מגין על הגבולות – בשמחת פורים, צוזאַמען מיט קיום מצות "משלוח מנות איש לרעהו", און אויך זיי מזכה זיין מיט דער מצוה פון "מתנות לאביונים", באופן המתאים.

ועל דרך זה אויך וואָס מ'האָט געטאָן בכמה מדינות מעבר לים, אין דעם ענין פון מעודד זיין אין קיום המצוות פון "משלוח מנות" ו"מתנות לאביונים", וואָס דאָס איז דאָך אויך ברענגט דאָך לידי

שמחה, וואָס דאָס איז דאָך איינער פון די ענינים וואָס ס'טוט אויף "משלוח מנות" ו"מתנות לאביונים".

און יהי רצון, אַז ס'זאָל זיין דער ענין פון שמחה אין אַן אופן פון "**מרבים** בשמחה" – הלוך והוסיף ואור,

ביז וואַנענט אַז דאָס וועט פורץ-זיין כל הגדרים, ובמיוחד פורץ-זיין די גדרי הגלות, אַז ס'וועט בטל ווערן די אַלע ענינים פון גלות און מ'וועט שטיין אין אַ חירות אמיתית ושלימה דורך גאולה אמיתית ושלימה על ידי משיח צדקנו,

ובקרוב ממש.

אַזוי ווי זיי זיינען דאָך בריחוק מקום **גשמי**, אָבער בקירוב ובהתאחדות **ברוחניות** – זאָלן די אַלע הנאספים כאן זאָגן "לחיים" פאַר זיך, און פאַר זיי, "וגדולה לגימה שמקרבת" - אַז ס'וועט בטל דער הפסק, דער ריחוק אין דעם מקום גשמי.

וכאמור לעיל, אַז מ'ווערט אַן "עם אחד" – אף על פי וואָס לעת עתה איז מען "מפוזר ומפורד ביןהעמים",

און מ'פאַרבינדט זיך מיט "**תורה אחת**", און דורך "ישראל מתקשראן באורייתא ואורייתא בקוב"ה" - אַז מ'ווערט איין זאַך מיטן אויבערשטן, אַ נשמה בגוף, דאָ למטה.

וואָס אָט דעמאָלט איז "באור פני מלך חיים", און "מאן דיהיב חייב" איז "יהיב מזוני" - אַז ס'ווערט נמשך ברכת השם אין בני חיי ומזוני רוויחא,

און אין אַן אופן פון "אורה ושמחה וששון ויקר".

לחיים.

ניגנו מארש נאַפוליון.

* * *

**יא.** אַזוי ווי ס'איז דאָך רגיל, ווי איינגעפירט פון רבותינו נשיאינו, אַז מ'זאָל מאַכן אַ "מגבית", און יעדערער זאָל געבן כפי נדבת לבו הטהור, וכל המרבה הרי זה משובח,

איז דאָך שוין אויך נרמז אָט דאָס וואָס ס'ווערט שוין געבראַכט אין גמרא "מגבית פורים", אַז בפורים פלעגט מען מאַכן אַ מגבית,

און דאָס ברענגט אַראָפּ בפועל, למטה מעשרה טפחים, אָט דאָס וואָס ס'שטייט "כל הפושט יד נותנין לו", אַז ניט ווי בכל השנה, ווי דער לשון איז, אַז דעמאָלט איז דער גבאי צדקה פרעגט ער זיך נאָך און חוקר וכו', משא"כ דער גבא צדקה פון פורים – איז "כל הפושט יד" מאַכט ער ניט קיין חקירות און "נותן", ווי ער איז דאָס מבאר אין משנת חסידים ובכמה מקומות, ביז אין דעם דין כפשוטו, ווי ס'ווערט אויך אַראָפּגעבראַכט אין שולחן-ערוך, אַז בפורים איז דעמאָלט "כל הפושט יד נותנין לו".

און די וואָס ווילן – וועלן אויך אָנשרייבן זייער נאָמען, אויף אַ באַזונדער צעטל, בצירוף שם האם, כדי צו דערמאָנען אויפן ציון, כרגיל, און אָן פרסומים, כמדובר כמה פעמים.

און יהי רצון, אויף צדקה שטייט דאָך אויף איר "רחבה מצותך מאוד", טייטשט דאָך אָפּ דער אַלטער רבי: וואָס איז מצותו של הקב"ה, דער עיקרית? – איז דאָס דער ענין הצדקה –

זאָל זי מאַכן אַ התרחבות און אַ "מאוד" בכל אחד ואחת, און ממשיך זיין דאָס דערנאָך אין לימוד התורה און אין קיום המצוות, ו"בכל דרכיך דעהו",

ביז אין ברכת השם כפשוטו, בכל המצטרך לכל אחד ואחת, מנפש ועד בשר.

לחיים, לחיים.

ניגנו "והריקותי לכם ברכה".

* * *

**יב.** פון פורים גייט מען דאָך אַריבער דערנאָך אין "שושן-פורים", און לויט דער קביעות פון היינטיקן יאָר איז דאָך אויך אויסגעקומען, אַז אין פורים איז מען אַריינגעגאַנגען גלייך פון שבת פרשת זכור, וואָס ס'איז געווען שבת, און מוצאי-שבת איז גלייך געווען פורים,

און ווי די קביעות **בכל** שנה – אויך בשנה זו – פון פורים גייט מען אַריין אין שושן פורים.

וואָס וואָס איז דער חילוק בפשטות פון פורים ביז שושן פורים? אַז בשעת ס'איז עיר מוקפת חומה – אָט דעמאָלט האָט זי פורים אין מילוי הלבנה, בחמשה עשר בחודש, וואָס דעמאָלט איז "קיימא סיהרא באשלמותא", במילא איז דערפון פאַרשטאַנדיק – אויך דער תוקף אין דעם ענין הפורים.

און ווי דערציילט אויך אין מגילה כפשוטה, אַז "בכל מדינות המלך" איז געווען מערניט ווי **איין** טאָג, משא"כ אין שושן איז געווען נאָך אַ הוספה, נאָך אַ טאָג מערער ווי "בכל מדינות המלך".

וואָס דערפון פאַרשטייט מען אויך ברוחניות הענינים, אַז אַז מ'קומט אין שושן פורים אַריין – אָט דעמאָלט איז פירוש הענין, אַז ס'דאַרף זיך אויפטאָן נאָך מערער וויפל ס'האָט זיך אויפגעטאָן בפורים.

אף על פי וואָס אין עניני דין בפועל איז דאָך דאָ כמה ענינים בפורים, ווי קריאת המגילה ומשלוח מנות ומתנות לאביונים, מערניט ווי די וואָס געפינען זיך בפרזים, וואָס דאָס איז רוב ישראל, משא"כ בשושן פורים איז מערניט [ווי] בנוגע צו **פרטי** ענינים, אָבער ניט אין די ענינים ווי מקרא מגילה וכו', כמדובר לעיל –

בהנוגע אָבער צו **רוחניות**, וואָס רוחניות האָט דאָך אַ איד בכח וביכולת אַז ער זאָל איבערמאַכן זיין "עיר קטנה", אַז אף על פי וואָס פריער איז זי **ניט** געווען "מוקפת חומה", זאָל זי ווערן בשעתא חדא וברגעא חדא "מוקפת חומה" –

אָט דאָס גופא איז אָט די עבודה וואָס ער טוט נאָך אַ טאָג אַז ס'זאָל זיין דער "ונהפוך הוא" אַז "ישלטו היהודים המה בשונאיהם": אין די אַלע ענינים וואָס זיינען מנגד צו אידישקייט אַרבעט ער און האָרעוועט אין דעם נאָך אַ טאָג – אָט דאָס גופא מאַכט פון זיין שטאָט, פון זיין "עיר קטנה זה הגוף", פון זיינע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, אַז דאָס ווערט אַ "מוקפת חומה".

וואָס וואָס איז דער ענין פון "מוקפת חומה" כפשוטה? אַז בשעת דער שונא ווייס, אַז דאָס איז אַ שטאָט וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ חומה – רוקט ער זיך לכתחילה ניט אויף פירן מלחמה אַנטקעגן דער שטאָט. דעמאָלט דאַרף מען האָבן אַ שונא גדול ביותר און אַ חזק ביותר וכו'. משא"כ אין ערי הפרזות איז דעמאָלט איז אפילו אַ **קלענערער** שונא קען זיך אויך פרואוון.

אָט אַזוי איז אויך אין עבודה רוחנית: בשעת אַ איד האָרעוועט מיט זיך און אַרבעט מיט זיך נאָך אַ טאָג, אַז ער זאָל ווערן מער אידישער און מער איינגעטונקען אין אידישקייט, אין תורה ומצוות – אָט דאָס "רינגלט אים אַרום" מיט אַ "חומה" – מיט אַ שוץ-וואַנט – אַז דאָס באַשיצט אים פון די נאַרישקייטן פון יצר-הרע, פון די פאַרשידענע זאַכן פון עולם-הזה וואָס קענען אים אַראָפּפירן פון דרך הישר, פון דעם גוטן וועג,

און אָט דעמאָלט שיינט ביי אים דער ענין פון דער "לבנה", וואָס "ישראל דומין ללבנה" – דער ענין פון אידישקייט שיינט ביי אים "**באשלמותא**",

און אָט דאָס ווערט דערנאָך בדומה פון ירושלים עיר הקודש, וואָס דער ענין פון שושן פורים מוקפות חומה איז דאָך די גמרא מבאר, אַז מ'האָט דאָס מבאר מיט ירושלים, ובכלל מיט די עיירות מוקפות חומה וואָס זיינען געווען אין ארץ ישראל – דערפאַר דאַרף מען דאָך האָבן "מוקפות חומה" פון "ימות יהושע בן נון", ניט ווי דאָס איז געווען בזמן פון דער מאורע פון המן, כמבואר בארוכה אין חז"ל.

בהנוגע לענייננו, דאַרף מען וויסן זיין, אַז "משה קיבל תורה מסיני ומסרה **ליהושע**",

וואָס דער פשט אין דעם איז, אַז צו יהושע'ן האָט ער איבערגעגעבן בשעת משה איז אַוועק במרום, אָבער אַזוי האָט דאָך משה געלערנט תורה עם כל ישראל כולם, ווי די גמרא זאָגט אין עירובין

און רש״י ברענגט דאָס אַראָפּ אפילו בפירושו על התורה פאַר אַ בן חמש למקרא, אַז ״כך הוא סדר תורה״, אַז משה רבינו אַליין איז די תורה וואָס ער האָט באַקומען ״מסיני״ – האָט ער דאָס געלערנט מיט יעדער אידן וואָס אין זיין דור, וואָס דאָס איז כולל כל הדורות כולם, ״דור הולך ודור בא״, [ווי ס׳שטייט אין כתבי האריז״ל, אַז דאָס איז דער זעלבער דור ווערט נתגלגל אין דעם דור שלאחרי זה], זיינען דאָך אַלע אידן אין אַן אופן פון מקבלים פון **משה רבינו**, וואָס דאָס איז דער ענין פון ״יהושע בן נון״ –

איז האָט אַ איד בכח ער זאָל ״מקיף-זיין״ זיין ״עיר״, אַז זי זאָל ווערן אַ ״מוקפת חומה״, דורך מלחמה האָבן מיטן שונא נאָך אַ טאָג,

און אָט דעמאָלט איז ער ממשיך שמחה אין אַן אופן פון ״קיימא סיהרא באשלמותא״, וכפשוטו – נאָך אַ טאָג פון שמחה.

וואָס דערפאַר איז דאָך אפילו אין די ערטער וואָס מ׳פּראַוועט שושן פורים – איז דאָך דער ענין המנוחה – איז אויך באַ זיי בי״ד באדר שוין אויך דאָ; דער ענין פון דער תענית איז באַ זיי מיט פריער, בי״ג – פונקט אַזוי ווי באַ כל ישראל כולם,

אף על פי וואָס דער ״נוח״ כפשוטו איז באַ זיי געווען **בחמשה עשר** – אָבער **איצטער**, איז אפילו די וואָס פּראַוועטן שושן פורים האָבן אויך בי״ד אין אומרים תחנון וכו׳ וכו׳.

ויהי רצון, אַז פון די עבודה **רוחנית** בזה זאָל דאָס אַראָפּקומען בפשטות כפשוטה, ובלשון המגילה, און ווי גערעדט פריער – אַז ס׳זאָל זיין ״אורה ושמחה וששון ויקר״, מיט אַלע מדרשי רז״ל, און דער עיקר – **כפשוטו**,

כן תהי׳ לנו למטה מעשרה טפחים ובעגלא דידן, און טאַקע היינט, און פון היינט און ווייטער,

און גרייטן זיך לקבלת פני משיח צדקנו מתוך שמחה וטוב לבב.

לחיים.

* * *